

י. ל. פרץ
1915 — 1852



ש. אַנ—סקי
1920 — 1863



פרץ הירשביין
1948 — 1880



ה. לייוויק
1962 — 1888

# די יידישע דראַמע פון 20סטן יאָרהונדערט

ש. אַנ—סקי

פרץ הירשביין

ה. לייוויק

י. ל. פרץ

באַנד צוויי

ארויסגעגעבן פון
אַלוועלטלעכן יידישן־קולטור־קאָנגרעס

ניו־יאָרק
תשל״ז — 1977

PUBLICATIONS OF THE CONGRESS FOR JEWISH CULTURE

# THE YIDDISH DRAMA OF THE TWENTIETH CENTURY

VOLUME I. Mirele Efros by Jacob Gordin; Dos Groyse Gevins by Sholom Aleichem; Yankel Der Shmid by David Pinski; Yankel Boyle by Leon Kobrin.

VOLUME II. Der Dybbuk by S. An-ski; Shmates by H. Leivik; Grine Felder by Peretz Hirshbein; Die Goldene Kayt by I.L. Peretz.

Critical and Biographical Essays by: Hyman Bass (Editor), Jacob Birnbaum and Dr. Elias Shulman.

*Copyright 1977, of the critical and biographical material, by*
CONGRESS FOR JEWISH CULTURE
25 East 78th Street, New York, N. Y. 10021

The preparation and publication of the two volumes were made possible by grants from:

THE ATRAN FOUNDATION, New York
THE MEMORIAL FOUNDATION FOR JEWISH CULTURE, New York
MR. MELVIN L. MEISEL, New York

צוגעגרייט צום דרוק: י. בירנבוים

געדרוקט ביי די ברידער שולזינגער
*Printed in U.S.A. by*
Shulsinger Bros., Inc.

# אינהאַלט

ש. אַנסקי דער דיבוק ........ 7
פּרץ הירשביין גרינע פעלדער ........ 61
ה. לייוויק שמאַטעס ........ 107
י. ל. פּרץ די גאָלדענע קייט ........ 161

## ביאגראפיש־קריטישע פארצייכענונגען

יעקב בירנבוים
ש. אַנ־סקי ........ 229
פּרץ הירשביין ........ 231
ה. לייוויק ........ 235
י. ל. פּרץ ........ 238

# ש. אַן-סקי

# דער דיבוק

דראַמאַטישע לעגענדע אין 4 אַקטן

פערזאָנען:

ר' סענדער בריניצער
לאה — זיין טאָכטער
פראַדע — איר אַלטע ניאַניע
גיטל, בתיה — לאהס חברטעס
מנשה — לאהס חתן
נחמן — זיין פאָטער
ר' מענדל — מנשהס רבי
דער משולח
ר' עזריאלקע מיראָפּאָליער — אַ צדיק
מיכאל — זיין גבאי
ר' שמשון — רב אין מיראָפּאָליע
1טער, 2טער — דיינים
מאיר — שמש אין שול אין בריניץ
חנן, הענעך, אָשר — ישיבה־בחורים אין בריניץ
1טער, 2טער, 3טער — בטלנים
1טער, 2טער, 3טער — חסידים
אַ חתונה־אורח, אַ הויקערדיקער, איינער אויף קוליעס — ארעמע־לייט
אַ כּאַיאָרנטע יידענע
אַ הינקענדיקע, אַן איינהאַנטיקע, אַ בלינדע — אַלטע אָרעמע ווייבער
אַ הויך בלאַס ווייבל, אַ ווייבל מיט אַ קינד אויף די הענט — יונגע אָרעמע ווייבער
חסידים, ישיבה־בחורים, בעלי־בתים, קלעזמער, חתונה־געסט, קבצנים, קינדער

דער 1טער און 2טער אַקט קומט־פאָר אין בריניץ, דער 3טער און 4טער — אין מיראָפּאָליע. צווישן 1טן און 2טן אַקט — דריי חדשים, צווישן 2טן און 3טן — דריי טעג, צווישן 3טן און 4טן — אַ האַלבער מעת־לעת.

# ערשטער אַקט

איידער דער פאָרהאַנג הייבט זיך אויף, ביי אַ פולער פינצטערניש, הערט זיך, ווי פון דער ווייט, אַ שטיל מיסטיש גזאַנג:

מחמת וואָס, מחמת וואָס
איז די נשמה
פון העכסטער הייך
אַראָפּ אין טיפסטן גרונט?
— דאָס פאַלן טראָגט
דאָס אויפקומען אין זיך...

דער פאָרהאַנג הייבט זיך לאַנגזאַם אויף.

אַ הילצערנע שול, זייער אַן אַלטע, מיט שוואַרצע ווענט. דער באַלקן אונטערגעשפּאַרט מיט צוויי הילצערנע סלופּעס. פון מיטן באַלקן, איבער דער בימה, לאָזט זיך אַראָפּ אַן אַלטער מעשענער הענגלייכטער. די בימה, שפּועדיק, איז באַדעקט מיט אַ טונקעלן טישטעך. אין דער פאָדערשטער וואַנט, אין דער הייך, קליינע פענצטערלעך פון דער וויבערשער שול. אַ לאַנגע באַנק, פאַר איר אַ לאַנגער הילצערנער טיש פאַרוואָרפן מיט ספרים. אויף אים ברענען אין ליימענע לייכטערלעך צוויי שטיקלעך חלבנע ליכט, וואָס קומען־אויס נידעריקער, ווי די אַנגעוואָרפענע ספרים. נאָך דער באַנק, נאָכן טיש, לינקס, אַ קליינע טיר אין חדר מיוחד. ביים עק וואַנט אַן אַלמער מיט ספרים. — צו דער וואַנט רעכטס: אין מיטן — דער אָרון־קודש, לינקס — דער עמוד, אויף וועלכן עס ברענט אַ דיק וועקסן יאָרצייטליכט. פון ביידע זייטן אָרון־קודש צוויי פענצטער. בענק אין דער גאַנצער לענג פון דער וואַנט; אַנטקעגן זיי עטלעכע שטענדערס. ביי דער וואַנט לינקס: אַ גרויסער קאַכלענער אויוון. ביי אים אַ באַנק, אַנטקעגן באַנק אַ לאַנגער טיש, אויך פאַרוואָרפן מיט ספרים. אַ האַנטפאַס מיט אַ האַנטעך אין אַ רינג. אַ ברייטע טיר פון גאַס. נאָך דער טיר אַ קאַסטן,־איבער אים אין אַ פאַרטיפונג ברענט אַ נר־תמיד.

נאָענט פון עמוד ביי אַ שטענדער זיצט הענעך שטאַרק פאַרטיפט אין אַ ספר. אַרום טיש, ביי דער פאָדערשטער וואַנט,

זיצן פינף־זעקס ישיבה־בחורים, האַלב צעלייגט אין מידע פּאָזעס, און לערנען שטיל מיט אַ פאַרחלומטן גמרא־ניגון. ביי דער בימה שטייט איינגעבויגן מאיר און לייגט פונאַנדער זעקעלעך מיט טלית און תפילין. אַרום טיש, ביי דער לינקער וואַנט, זיצן 1טער, 2טער און 3טער בטלן אין גאַנצן פאַרחלומט, מיט פאַרגלאָצטע אויגן, און זינגען. אויף דער באַנק ביים אויוון זיצט דער משולח מיט אַ זאַק צוקאָפּנס. ביים אַלמער מיט ספרים, האַלטנדיק זיך מיט דער האַנט ביים אייבערשטן ברעג אַלמער, שטייט שטאַרק פאַרטראַכט חנן. אוונט. די שול איז באַנומען מיט אַ מיסטישער שטימונג. אין די ווינקלען — שאָטנס.

**בטלנים:** (ענדיקן זינגען) מחמת וואָס, מחמת וואָס
איז די נשמה
פון הויכער הייך
אַראָפּ אין טיפסטן גרונט?
דאָס פאַלן טראָגט
דאָס אויפקומען אין זיך...

לאַנגע פויזע. אַלע דריי זיצן אומבאַוועגט, שטאַרק פאַרחלומט.

**1טער בטלן:** (ווי מע דערציילט אַ מעשה) ביי ר' דודל טאַלנער, זכותו יגן עלינו, איז געווען אַ גילדענע שטול און אויף איר איז געווען אויסגעקריצט: „דוד, מלך ישראל, חי וקים".

פויזע.

**2טער בטלן:** (מיט דעם זעלביקן טאָן) ר' ישראל ריזשינער, זכרונו לברכה, האָט זיך אויפגעפירט ווי אַן אמתער מאָנאַרך. ביי זיין טיש האָט שטענדיק געשפילט אַ קאַפּעליע פון פיר און צוואַנציק קלעזמאָרים און אַרויספאָרן פלעגט ער נישט אַנדערש ווי אויף זעקס פערד נאָ־שפּיץ.

**3טער בטלן:** (מיט התפעלות) און וועגן ר' שמואל קאַמינקער דערציילט מען, אַז ער איז אומגעגאַנגען אין גילדערנע פּאַנטאָפעלעך... (אַנטציקט) אין גילדערנע פּאַנטאָפעלעך!

**דער משולח:** (הייבט זיך אויף פון באַנק, בלייבט זיצן אויסגעגלייכט, מיט אַ רואיק זאַנפטן קול, ווי פון דער ווייט) דער הייליקער ר' זוסיע אַניפּאָלער איז כל־ימיו געווען אַן אביון, האָט געקליבן נדבות, איז אומגעגאַנגען אין אַ פויערשן טיזליק מיט אַ שטריק אַרומגעגאַרטלט, און האָט פונדעסטוועגן נישט ווייניקער אויפגעטאָן ווי דער טאַלנער אָדער דער ריזשינער.

**1טער בטלן:** (אומצופרידן) איר, האָט קיין פאַראיבל נישט, ווייסט נישט וועגן וואָס מע רעדט און מישט זיך אַריין. אַז מע דערציילט וועגן דער





גרויסקייט פונעם טאַלנער אָדער ריזשינער, רעדט זיך דען וועגן זייער רייכקייט? ווייניק גבירים אַדירים איז דאָ אויף דער וועלט? מע דאַרף דאָך פאַרשטיין, אַז אי אין דער גילדענער שטול, אי אין דער קאַפּעליע, אי אין די גילדערנע פּאַנטאָפעלעך איז געלעגן אַ טיפער סוד, אַ טעם הכמוס.

**3טער בטלן:** עס פאַרשטייט זיך! ווער פאַרשטייט דאָס נישט!

**2טער בטלן:** ווער עס האָט געהאַט אָפענע אויגן, דער האָט געזען. מע דערציילט, אַז בשעת דער אַפּטער רבי האָט זיך צום ערשטן מאָל באַגעגנט אין וועג מיטן ריזשינער, האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן קושן די רעדער פון זיין וואָגן. און אַז מע האָט אים געפרעגט, וואָס דאָס באַדייט, האָט ער אַ געשריי געטאָן: „טפשים! איר זעט דען נישט, אַז דאָס איז די מרכבה של מעלה?"

**3טער בטלן:** (אַנטציקט) אײַ־אײַ־אײַ!

**1טער בטלן:** דער תוכן איז דאָך אין דעם, וואָס די גילדערנע שטול איז קיין שטול נישט געווען, די קאַפּעליע קיין קאַפּעליע, די פערד זיינען קיין פערד נישט געווען. דאָס אַלץ איז געווען נאָר אַ דמיון, אַן אָפּשיין, און האָט געדינט ווי אַ בגד, ווי אַ שייד פאַר זייער גרייס.

**דער משולח:** אמתע גרייס דאַרף נישט האָבן קיין שיינעם בגד.

**1טער בטלן:** איר האָט אַ טעות! אמתע גדלות מוז האָבן אַ פּאַסיק לבוש!..

**2טער בטלן:** (קוועטשט מיט די פּלייצעס) זייער גדלות! זייער תקיפות! עס איז דען משער צו זיין?

**1טער בטלן:** אַ חידוש זייער תקיפות! איר האָט געהערט די מעשה מיט ר' שמעלקע ניקלשבערגערס קאַנטשיק? כדאי צו הערן. אַמאָל זיינען צו ר' שמעלקען געקומען לאָדן זיך אַן אָרעמאַן מיט אַ גביר, וועלכער איז געווען אַ קרוב למלכות און פאַר וועמען אַלע האָבן געציטערט. ר' שמעלקע האָט אויסגעהערט ביידע צדדים און אַרויסגעגעבן אַ פסק־דין, אַז דער אָרעמאַן האָט געוואונען דעם משפט. איז דער גביר ברוגז געוואָרן און האָט געזאָגט, אַז ער וועט נישט מקיים זיין פסק זיין. רופט זיך אָפּ רואיק ר' שמעלקע: „דו וועסט מקיים זיין, אַז אַ רב הייסט, מוז מען מקיים זיין". איז שוין דער גביר אין כעס געוואָרן און האָט אָנגעהויבן שרייען: „איך לאַך זיך אויס פון אייך מיט אייער רבנות!"... דאָ האָט זיך ר' שמעלקע אויפגעהויבן מלוא קומתו און אַ געשריי געטאָן: „בזה הרגע זאָלסטו מקיים פסק זיין! אַז נישט — נעם איך דעם קאַנטשיק!"... דאָ איז דער גביר אין גאַנצן אַרויס פון די כלים, האָט אָנגעהויבן מחרף ומגדף זיין דעם רבין. נעמט ר' שמעלקע און רוקט אַ ביסל אַרויס דאָס קעסטל פון טיש. אַז פון דאָרטן שפּרינגט מיט אַ מאָל אַרויס דער נחש הקדמוני, די אוראַלטע שלאַנג, און זי וויקלט זיך אַרום דעם

גביר אַרום האַלדז. נו, נו, האָט זיך שוין דאָרט אַ ביסל געטאָן. דער גביר שרייט און וויינט: „גוואַלד, רבי, זייט מיר מוחל, איך וועל טאָן אַלץ, וואָס איר וועט הייסן, נאָר נעמט צו די שלאַנג!“... האָט אים ר׳ שמעלקע געזאָגט: „דו וועסט שוין פאַרזאָגן די קינדער און קינדסקינדער, זיי זאָלן פאָלגן דעם רבין און מורא האָבן פאַר זיין קאַנטשיק“. און האָט אַראָפּגענומען פון אים די שלאַנג.

**3טער בטלן:** כאַ־כאַ־כאַ! אַ פיינער קאַנטשיק!

פויזע.

**2טער בטלן:** (צום ערשטן) איר האָט, ווייזט־אויס, אַ טעות געהאַט. די מעשה האָט געמוזט פּאַסירן נישט מיט דעם נחש הקדמוני...

**3טער בטלן:** וואָס? פאַרוואָס?

**2טער בטלן:** גאָר פּשוט. עס קאָן נישט זיין, אַז ר׳ שמעלקע ניקלשבורגער זאָל זיך באַניצן מיטן נחש הקדמוני. דער נחש הקדמוני איז דאָך דער סמך־מם, אַליין די סטרא אחרא, רחמנא לצלן.

שפּייט־אָפּ.

**3טער בטלן:** נו, פּטור! ר׳ שמעלקע האָט מסתמא געוואוסט, וואָס ער טוט!

**1טער בטלן:** (באַליידיקט) איך פאַרשטיי נישט, וואָס דו רעדסט! איך דערצייל אַ מעשה, וואָס האָט פּאַסירט לפני כל עם ועדה, צענדליגגער מענטשן האָבן דאָס מיט זייערע אויגן געזען, און דו קומסט און זאָגסט, אַז דאָס האָט נישט געקאָנט פּאַסירן. גלאַט אין דער וועלט אַריין גערעדט.

**2טער בטלן:** חס־ושלום! נאָר איך האָב גערעכנט, אַז עס זיינען נישט פאַראַן אַזעלכע שמות און צרופים, וואָס מע זאָל קאָנען אַרויסרופן מיט זיי דעם סמך־מם.

שפּייט־אויס.

**דער משולח:** אַרויסרופן דעם טייוול קאָן מען נאָר מיט דעם גרויסן צווייפאַכיקן אויסגעדריקטן שם, וואָס שמעלצט־צונויף אין זיין פלאַם די העכסטע בערגשפּיצן מיט די טיפסטע טאָלן.

חנן הייבט־אויף דעם קאָפּ און הערט זיך אויפמערקזאַם צו.

**3טער בטלן:** (אומרואיק) און עס איז קיין סכנה נישט צו באַניצן דעם גרויסן שם?

**דער משולח:** (פאַרטראַכט) אַ סכנה?.. ניין... נאָר פון גרויס גלוסטיקייט, וואָס דער פונק גלוסט צום פלאַם, קאָן פּלאַצן די כלי...

**1טער בטלן:** אין מיין שטעטל איז דאָ אַ בעל־שם, אַ ווילדער בעל־מופת. דהיינו, מיט אַ שם מאַכט ער אָן אַ שריפה און פאַרלעשט זי גלייך מיט





אַ צווייטן שם. ער זעט, וואָס עס טוט זיך פאַר הונדערט מייל פון אים, מיטן פינגער ווייזן פון וואַנט וכדומה. האָט ער מיר אַליין געזאָגט, אַז ע[illegible] פון אַזעלכע שמות, וואָס מע קאָן מיט זיי באַשאַפן אַ גולם, מחיה מתים [illegible] ווערן אַ רואה ואינו נראה, אַרויסרופן נישט־גוטע... אַפילו דעם סמך (שפּייט־אויס) איך האָב דאָס פון זיין מויל געהערט.

**חנן:** (וועלכער איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אומבאַוועגט און זיך צו[illegible] הערט מיט קאָפּ, מאַכט אַ טריט צום טיש, קוקט אויפן משולח, נאָך דעם אוי[illegible] ערשטן בטלן. מיט אַ ווייטן פאַרטראַכטן קול) וואו איז ער?

דער משולח שטעלט־אָפּ זיין בליק אויף חננען און לאָזט די גאַנצע צייט פון אים נישט אַראָפּ די אויגן.

**1טער בטלן:** (פאַרוואונדערט) ווער?

**חנן:** דער בעל־שם.

**1טער בטלן:** וואו זאָל ער זיין! ביי מיר אין שטעטל, אויב ער לעבט נאָך.

**חנן:** ווייט פון דאַנען?

**1טער בטלן:** דאָס שטעטל? ווייט! אַ מהלך רב! אין טיף פּאָלעסיע!

**חנן:** וויפל גאַנג?

**1טער בטלן:** גאַנג׳ וויפל? אַ גוטן חודש, אויב נישט מער... (פויזע) אַנטקעגן וואָס פרעגסטו דאָס? ווילסט אפשר גיין צו אים? (חנן שווייגט) דאָס שטעטל רופט זיך קראַסנע. דער בעל־שם הייסט ר׳ אלחנן.

**חנן:** (פאַרוואונדערט, פאַר זיך) אלחנן? אל חנן?.. גאָט פון חנן?..

**1טער בטלן:** (צו די בטלנים) איך זאָג אייך, דאָס איז אַ בעל־מופת! ער האָט געפּרואווט אין מיטן העלן טאָג מיט אַ שם...

**2טער בטלן:** (שלאָגט אים איבער) זאָל זיין גענוג צו ריידן וועגן אַזעלכע זאַכן צו דער נאַכט! בפרט נאָך אין אַ מקום־קדוש. מ׳קאָן זיך חס־ושלום אומגערן אַרויסכאַפּן מיט אַ שם, מיט אַ צירוף און עס וועט געשען, אַן אומגליק... שוין געוועז, רחמנא לצלן, אַזעלכע סיבות.

חנן גייט לאַנגזאַם אַרויס. אַלע קוקן אים נאָך. פויזע.

**דער משולח:** ווער איז דער בחור?

**1טער בטלן:** אַ בחור, אַ ישיבה־בחור.

מאיר מאַכט־צו די טירלעך פון דער בימה און גייט־צו צום טיש.

**2טער בטלן:** אַ טייערע כלי, אַן עילוי!

**3טער בטלן:** אַן אייזערנער קאָפּ! פינף הונדערט בלאַט גמרא אויס־ווייניק אויפן פינגער!

**דער משולח:** פון וואַנען איז ער?

**מאיר:** ער איז ערגעץ פון דער ליטע. געלערנט דאָ אין דער ישיבה, געשמט פאַרן ערשטן בחור. באַקומען סמיכה אויף הוראה. מיט אַ מאָל איז ער פאַרשוואונדן געוואָרן און האָט זיך אַ גאַנץ יאָר נישט געוויזן. מ'האָט געזאָגט, ער איז אַוועק אָפּריכטן גלות. נישט־לאַנג האָט ער זיך אומגעקערט. גאָר נישט יענער בחור, וואָס געווען. שטענדיק פאַרטראַכט, פאַסט הפסקות משבת לשבת, פראַוועט מקוואות... (שטילער) מ'זאָגט, אַז ער עסקט זיך מיט קבלה...

**2טער בטלן:** (שטיל) אין שטאָט רעדט מען אויך וועגן דעם... מ'איז שוין געווען בעטן ביי אים קמיעות. נאָר ער גיט נישט...

**3טער בטלן:** ווער ווייסט ווער ער איז? אפשר פון די גדולים! ווער קאָן וויסן! און נאָכקוקן איז אַ סכנה...

פויזע.

**2טער בטלן:** (גענעצט) שפּעט... צייט לייגן זיך שלאָפן... (צום ערשטן בטלן מיט אַ שמייכל) אַ שאָד, וואָס דאָ איז נישטאָ אייער בעל־שם, וועלכער קאָן צאַפּן ווײַן פון וואַנט... איך וואָלט זיך איצט מחיה זיין מיט אַ קאַפּעלע בראַנפן. איך האָב היינט אַ גאַנצן טאָג נישט געהאַט אין מויל!

**1טער בטלן:** ביי מיר איז היינט אויך כמעט אַ תענית. מער נישט, נאָכן דאַוונען געמאַכט שהכל אויף אַ רעטשענעם קיכל.

**מאיר** (האַלב בסוד, צופרידן) וואַרט אָקערשט, מיר וועלן, דוכט זיך, באַלד האָבן אַ גוט ביסל משקה. סענדער איז געפאָרן זען אַ חתן פאַר זיין בת־יחידה. זאָל ער נאָר שרייבן למזל תנאים, וועט ער שוין שטעלן אַ פיינעם תיקון.

**2טער בטלן:** אָ! איך גלייב נישט, ער זאָל ווען עס איז שרייבן תנאים. דריי מאָל געפאָרן זען חתנים און אַלץ אומגעקערט זיך מיט גאָרנישט. דאָס געפעלט אים נישט דער חתן, דאָס איז אים קנאַפּ יחוס, דאָס ווייניק נדן... מע טאָר ניט זיין אַזאַ אויסקלייבער!

**מאיר:** סענדער מעג זיך פאַרגינען, אָן עין־הרע אַ גביר, אַ מיוחס, די בת־יחידה אַ געראָטענע, אַ יפת־תואר...

**3טער בטלן:** (מיט אַנטציקונג) איך האָב האַלט סענדערן! אָן אמתער חסיד. טאַקע פון די מיראָפּאָליער חסידים, מיטן ברען!..

**1טער בטלן:** (קאַלט) אַ חסיד איז ער אַ גוטער, נישטאָ וואָס צו ריידן, נאָר די בת־יחידה זיינע האָט ער געמעגט אויסגעבן אויף אָן אַנדער אופן.

**3טער בטלן:** וואָסי? וואָס?

**1טער בטלן:** אַמאָליקע צייטן, אַז אַ גביר, און נאָך פון אַ פיינער משפחה, פלעגט דאַרפן אַ שידוך טאָן, פלעגט ער נים זופן, נישט קיין געלט, נישט קיין יחוס אבות, נאָר יחוס עצמו. פלעגט אַוועקפאָרן אין דער גרויסער ישיבה, אָפּגעבן דעם ראש־ישיבה די שיינע מתנה און יענער פלעגט אים שוין





אויסקלייבן אַ בחור פון די שופרא דשופרא. סענדער האָט אויך געקאָנט טאָן אַזוי.

**דער משולח:** ער וואָלט אפשר דאָ אין דער ישיבה אויך געפונען אַ פאַסיקן חתן.

**1טער בטלן:** (פאַרוואונדערט) פון וואַנען ווייסט איר?

**דער משולח:** איך בין זיך משער.

**3טער בטלן:** (געאיילט) נו, נו, נו, נישט גערעדט קיין לשון־הרע, בפרט וועגן אנשי־שלומנו... אַ שידוך טוט מען מיט דעם וועלכער איז באַשערט...

עס עפנט זיך האַסטיק די טיר און עס לויפט־אַריין אַן עלטע־רע יידענע, פירנדיק פאַר די הענט צוויי קליינע קינדער.

**עלטערע יידענע:** (לויפט מיט די קינדער צום אָרון־קודש, שרייענדיק מיט אַ געוויין) אַי, אַי, רבונו־של־עולם! העלף מיר! (לויפט צום אָרון־קודש) קינדערלעך! מיר וועלן עפענען דעם אָרון־קודש, מיר וועלן צופאַלן צו די ספרי־תורה און נישט אַוועקגיין, ביז מיר וועלן אויסוויינען אַ רפואה־שלימה פאַר אייער מאַמען! (עפנט דעם אָרון־קודש, וואַרפט זיך אין אים מיטן קאָפּ און הייבט־אָן מיט אַ וויינענדיקן רעטשיטאַטיוו) גאָט פון אברהם, פון יצחק און פון יעקב, קוק אויף מיין בראָך, קוק־אָן דעם צער פון די יונגע קינדערלעך און נישט נעם־צו זייער מאַמען יונגערהייט פון דער וועלט! הייליקע תורות, שטעלט זיך איין פאַר אַ ביטערער אַלמנה! הייליקע תורות, ליבע אמהות, גייט, לויפט צום רבונו־של־עולם, שרייט, בעט, אַז דאָס שיינע ביימעלע זאָל נישט אַרויסגעריסן ווערן מיטן וואָרצל, אַז דאָס יונגע טייבעלע זאָל נישט אַרויס־געוואָרפן ווערן פון נעסט, אַז דאָס שטילע שעפעלע זאָל נישט צוגענומען ווערן פון טשערעדע!.. (היסטעריש) איך וועל איינרייסן וועלטן, איך וועל שפּאַלטן הימלען! איך וועל נישט אַוועקגיין פון דאַנען, ביז מ'וועט מיר נישט אומקערן די קרוין פון מיין קאָפּ!..

**מאיר:** (גייט־צו, רירט זי שטיל אָן, רעדט געלאַסן) חנה־אסתר, אפשר אָוועקזעצן אַ מנין זאָגן תהילים?

**עלטערע יידענע:** (ציט־אַרויס דעם קאָפּ פון אָרון־קודש. קוקט אויף מאירן נישט־פאַרשטייענדיק. מיט אַ מאָל געאיילט) אַי, זעצט אַ מנין יידן תהילים זאָגן, זעצט! אָבער גיכער, גיכער! יעדע מינוט איז טייער! שוין צוויי טעג ווי זי ליגט, נעבעך, אָן לשון און ראַנגלט זיך מיטן טויט.

**מאיר:** די רגע! אָט גלייך זעץ איך צען מענטשן! (מיט אַ בעטנדיקן קול) אָבער מ'דאַרף דאָך זיי עפּעס געבן פאַר דער טירחה... אָרעמע לייט!

**עלטערע יידענע:** (זוכט אין קעשענע) נאָט אייך אַ גילן! אָבער זעט, עס זאָל זיין געזאָגט.

**מאיר:** אַ גילן... צו דריי גראָשן אויף אַ פּאַרשוין... ווייניקלעך...

**עלטערע יידענע:** (נישט־הערנדיק אים) קומט, קינדערלעך, לאָמיר לויפן אין אַנדערע קלויזן!

גייט געשווינד אַרויס.

**דער משולח:** (צום דריטן בטלן) אין דער פרי איז געקומען אַ יידענע עפענען דעם אָרון־קודש פאַר אַ טאָכטער, וואָס גייט צוויי טעג צו קינד און קאָן נישט מוליד זיין. איצט איז געקומען עפענען דעם אָרון־קודש אַ יידענע פאַר אַ טאָכטער, וואָס ראַנגלט זיך צוויי טעג מיטן טויט...

**3טער בטלן:** נו, איז וואָס?

**דער משולח:** (פאַרטראַכט) אַז אַ נשמה פון אַ מענטשן, וואָס איז נאָך נישט געשטאָרבן, דאַרף אַריין אין אַ גוף, וואָס איז נאָך נישט געבוירן געוואָרן, קומט־פאַר אַ געראַנגל. שטאַרבט די קראַנקע, ווערט געבוירן דאָס קינד. ווערט די קראַנקע געזונט, וועט געבוירן ווערן אַ טויט קינד.

**1טער בטלן:** (איבערגעראַשט) אַיַ, אַיַ, אַיַ! ווי בלינד אַ מענטש איז! ער זעט נישט, וואָס נעבן אים טוט זיך!

**מאיר:** (גייט־צו צום טיש) נו, אָט האָט דער אייבערשטער צוגעשיקט אויף תיקון, אָפּזאָגן תהילים, מאַכן לחיים, און דער אייבערשטער וועט זיך מרחם זיין און צושיקן דער קראַנקער אַ רפואה־שלימה.

**1טער בטלן:** (צו די בחורים, וואָס זיצן פאַרשלאָפּן ביים גרויסן טיש) בחורים! ווער וויל זאָגן תהילים? איר וועט באַקומען יעדער צו אַ רעטשן קיכל. (די בחורים הייבן זיך אויף פון אָרט) מיר וועלן גיין אין חדר־מיוחד.

די דריי בטלנים, מאיר און די ישיבה־בחורים, חוץ העניכן, גייען־אַוועק אין חדר־מיוחד. באַלד הייבט זיך אָן הערן פון דאָרט אַ וויינענדיק „אשרי האיש". ביים קלענערן טיש בלייבט די גאַנצע צייט אומבאַוועגט דער משולח, וואָס לאָזט נישט אַראָפּ דעם בליק פון אָרון־קודש. לאַנגע פּויזע. עס גייט אַריין חנן.

**חנן:** (זייער מיד, גייט פאַרטראַכט, ווי אַן אַ ציל, צום אָרון־קודש. באַמערקט, אַז ער איז אָפן, שטעלט זיך אָפּ איבערגעראַשט) דער אָרון־קודש אָפן? ווער האָט אים געעפנט? פאַר וועמען האָט ער זיך געעפנט אין האַלבער נאַכט? (קוקט אין אָרון־קודש) ספרי־תורה... שטייען זיך צוגעטוליעט איינע צו די אַנדערע, רואיקע, שווייגנדיקע. און אין זיי זיינען פאַרבאָרגן אַלע סודות און רמזים, אַלע צירופים פון ששת ימי בראשית ביז דעם סוף פון אַלע דורות. און ווי שווער עס איז צו דערגיין פון זיי אַ סוד אָדער אַ רמז, ווי שווער! (ציילט די ספרי־תורה) איינס, צוויי, דריי, פיר, פינף, זעקס, זיבן, אַכט, ניין ספרים. דאָס וואָרט „אמת" אין מספר קטן... און אין יעדן ספר — פיר עץ־





חיימס... ווייטער זעקס און דרייסיק! נישטאָ קיין שעה, איך זאָל זיך נישט אָנשטויסן אויף אָט דער צאָל — און וואָס זי באַטייט, ווייס איך נישט, נאָר איך פיל אַז אין איר ליגט דער גאַנצער תוכן... 36 איז די צאָל פון לאה. דריי מאָל 36 — איז חנן... לאה מאַכט „לא ה'", נישט גאָט... נישט דורך גאָט... (גיט אַ ציטער) וואָס פאַר אַ שרעקלעכער געדאַנק, און ווי ער ציט מיך צו זיך...

**העניך:** (הייבט־אויף דעם קאָפּ, קוקט מיט קאָפּ אויף חננען) חנן! דו גייסט־אום די גאַנצע צייט פאַרחלומט...

**חנן:** (טרעט־אָפּ פון אָרון־קודש גייט לאַנגזאַם צו צו העניכן. שטעלט זיך אָפּ. פאַרטראַכט) סודות, רמזים אָן אַ סוף און דעם גלייכן וועג זעט מען נישט... (קליינע פויזע) דאָס שטעטל הייסט קראַסנע... דער בעל־שם ר' אלחנן...

**העניך:** וואָס זאָגסטו?

**חנן:** (ווי אויפוואַכנדיק) איך? גאָרנישט... איך האָב געטראַכט...

**העניך:** (שאָקלט מיטן קאָפּ) האָסט זיך צו פיל אַריינגעטאָן אין קבלה, חנן... זינט דו האָסט זיך אומגעקערט, האָסטו קיין ספר אין האַנט נישט גענומען.

**חנן:** (נישט־פאַרשטייענדיק) קיין ספר אין האַנט נישט גענומען? וואָס פאַר אַ ספר?

**העניך:** וואָס פרעגסטו? גמרא, פוסקים, פאַרשטייט זיך...

**חנן:** (אַליין נישט קומענדיק צו זיך) גמרא?.. פוסקים?.. אין האַנט נישט גענומען?.. גמרא איז קאַלט און טרוקן... פוסקים זיינען קאַלט און טרוקן. (קומט מיט אַ מאָל צו זיך, לעבהאַפט) אונטער דער ערד איז דאָ אַקוראַט אַזאַ וועלט ווי אויף דער ערד. דאָרטן זיינען דאָ פעלדער און וועלדער, ימים און מדבריות, שטעט און דערפער. אויף די פעלדער און מדבריות טראָגן זיך דאָרט אום שטאַרקע שטורעמווינטן, און אויף די ימים שווימען גרויסע אָקרעטן און אין די געדיכטע וועלדער הערשט אַן אייביקער פחד, און עס דונערן דונערן... נאָר איין זאַך אין דאָרטן נישטאָ, נישט קיין הויכער הימל, פון וואַנען עס זאָלן זיך טראָגן פייערדיקע בליצן, פון וואַנען עס זאָל בלענדן די זון... אַזוי איז גמרא. זי איז טיף, זי איז גרויס און הערלעך. אָבער זי שמידט־צו צו דער ערד, זי לאָזט נישט פליען אין דער הייך. (מיט התלהבות) און קבלה? און קבלה? זי רייסט־אָפּ די נשמה פון דער ערד! זי הייבט־אויף דעם מענטשן צו די העכסטע היכלות, זי עפנט פאַר די אויגן אַלע הימלען, זי פירט גלייך צום פרדס, זי ציט זיך־צום אין־סוף! זי אַנטפּלעקט אַ ברעג פון גרויסן פאַרהאַנג... (וואַרפט זיך אָפּ) נישטאָ קיין כוח... דאָס האַרץ חלשט...

**העניך:** (זייער ערנסט) אַלץ איז אמת. אָבער דו פאַרגעסט, אַז פליען אַרויף מיט אַ התלהבות איז די גרעסטע סכנה. מ׳קאָן לייכט זיך אָפּרייסן און אַריינפאַלן אין תהום אַריין... גמרא הייבט די נשמה אין דער הייך, פּאַמעלעך, אָבער זי שיצט דעם מענטשן ווי אַ געטרייער וועכטער, וואָס שלאָפט נישט און דרימלט נישט. זי נעמט־אַרום אַ מענטשן ווי מיט אַן אייזערנעם פּאַנצער און לאָזט אים נישט אָפּקערן פון גלייכן וועג נישט רעכטס, נישט לינקס. אָבער קבלה? דו געדענקסט די גמרא (מיט אַ גמרא־ניגון) „פיר זיינען אַריין אין פרדס: בן עזאי, בן זומא, אחר און ר׳ עקיבא. בן עזאי האָט אַריינגעקוקט און איז געשטאָרבן, בן זומא האָט אַריינגעקוקט און איז אַראָפּ פון זינען, אחר האָט אונטערגעהאַקט די פלאַנצונגען, האָט כופר בעיקר געווען, און נאָר איין ר׳ עקיבא איז אַריין און אַרויס בשלום".

**חנן:** שרעק מיך נישט מיט זיי. מיר ווייסן נישט, ווי זיי זיינען געגאַנגען און מיט וואָס זיי זיינען געגאַנגען. אפשר זיינען זיי געשטרויכלט געוואָרן, ווייל זיי זיינען געגאַנגען אָנקוקן, נישט מתקן זיין... אָט זעען מיר דאָך, אַז נאָך זיי זיינען געגאַנגען אַנדערע — דער אר״י הקדוש, דער בעל־שם־טוב הקדוש — און זיינען נישט נכשל געוואָרן.

**העניך:** דו גלייכסט זיך צו זיי?

**חנן:** איך גלייך זיך נישט. איך גיי מיט מיין וועג...

**העניך:** מיט וואָס פאַר אַ וועג?

**חנן:** דו וועסט מיך נישט פאַרשטיין.

**העניך:** איך וועל דיך פאַרשטיין. מיין נשמה ציט זיך אויך צו די הויכע מדרגות.

**חנן:** (טראַכטנדיק אַ ווײַלע) די עבודה פון צדיקים באַשטייט אין דעם, וואָס זיי רייניקן־אָפּ מענטשלעכע נשמות, רייסן פון זיי אַראָפּ די קליפה פון זינד און הייבן זיי אויף צו זייער ליכטיקן מקור. די עבודה איז אַ שווערע, וואָרעם „ביי דער טיר הוערט די זינד". אָפּגערייניקט איין נשמה, קומט אויף איר אָרט אַן אַנדערע, אַ באַפלעקטע מיט נאָך מער זינד. געבראַכט צו תשובה איין דור, קומט אויף זיין אָרט אַן אַנדערער, נאָך אַ מער האַרטנעקיקער... און די דורות ווערן אַלץ שוואַכער און די זינד אַלץ שטאַרקער, און צדיקים — אַלץ ווייניקער.

**העניך:** וואָס זשע דאַרף מען נאָך דיין שיטה נאָך טאָן?

**חנן:** (שטיל, נאָך זייער זיכער) מ׳דאַרף נישט קיין מלחמה האַלטן מיט דער זינד, נאָר אויסבעסערן זי. ווי אַ גאָלדשמיד לייטערט גאָלד אין אַ שטאַרקן פייער, ווי אַן ערדאַרבעטער זיפּט־אָפּ פולע קערנער פון פּוסטע קאַסטרע, אַזוי דאַרף מען אויסלייטערן די זינד פון איר טומאה, אַזוי אַז אין איר זאָל בלייבן נאָר קדושה...





**העניך:** (פאַרוואונדערט) קדושה אין זינד? פון וואַנען קומט דאָס?

**חנן:** אַלץ, וואָס גאָט האָט באַשאַפן, האָט אין זיך אַ פונק פון הייליקייט...

**העניך:** זינד האָט באַשאַפן נישט גאָט, נאָר די סיטרא־אחרא!

**חנן:** און ווער האָט די סיטרא־אחרא באַשאַפן? אויך גאָט. סיטרא־אחרא הייסט די צווייטע זייט פון גאָט. ווי באַלד זי איז אַ זייט פון גאָט, מוז זי האָבן אין זיך קדושה.

**העניך:** (דערשיטערט) קדושה אין דער סיטרא־אחרא!! איך קאָן נישט! איך פאַרשטיי נישט! לאָז מיך באַטראַכטן!

לאָזט־אַראָפּ דעם קאָפּ צוגעדריקט צו די הענט, אויפן שטענדער. פּויזע.

**חנן:** (גייט־צו, בייגט זיך צו צו אים, מיט אַ ציטערדיקן קול) וואָסער זינד איז די שטאַרקסטע? וואָסער זינד איז שווערער ווי אַלץ מנצח צו זיין? די זינד פון אַ גלוסטונג צו אַ נקבה? יאָ?

**העניך:** (נישט־אויפהייבנדיק דעם קאָפּ) יאָ...

**חנן:** און אַז מ׳לייטערט־אויס אָט די זינד אין אַ שטאַרקן פייער, ווערט פון דער גרעסטער טומאה די העכסטע קדושה, ווערט „שיר השירים". (מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם) „שיר השירים"! (גלייכט זיך אויס און מיט אַן אַנטציקונג־התלהבות הייבט ער אָן שטיל זינגען) „שיין ביסטו, מיין באַשערטע, שיין ביסטו. דיינע אויגן ווי טויבן קוקן־אַרויס פון אונטער דיינע אויגנברעמען. דיינע האָר זיינען ווי אַ טשערעדע ציגעלעך, וואָס לויפן־אַראָפּ פון באַרג גלעד. דיינע ציין זיינען ווי אַ טשערעדע שאָף, וואָס האָבן זיך נאָר וואָס אויסגעבאָדן, און אַלע זיינען זיי צווילינגען און קיין שום אומפרוכפּערדיקע איז נישטאָ צווישן זיי..."

פון חדר־מיוחד גייט־אַרויס מ א י ר. עס הערט זיך אַ שטילער קלאַפּ אין טיר. זי עפנט זיך אומזיכער. עס גייט־אַריין ל א ה, פירנדיק פאַר דער האַנט פ ר אַ ד ע ן, נאָך זיי ג י ט ל. שטעלן זיך אָפּ ביי דער טיר.

**מאיר:** (דערזעענדיק זיי, זייער פאַרוואונדערט, מיט אַ חניפה־אַנטציקטן קול) זע!.. ר׳ סענדערס טאָכטער?.. לאהלע?..

**לאה:** (פאַרשעמט) איר געדענקט, איר האָט צוגעזאָגט ווייזן מיר די אַלטע געשטיקטע פּרוכתן...

ווי נאָר עס דערהערט זיך איר קול, האַקט ח נ ן איבער דאָס זינגען. ער קוקט מיט ברייט געעפנטע אויגן אויף ל א ה ן. די גאַנצע צייט — אָדער ער קוקט אויף איר, אָדער ער שטייט מיט געשלאָסענע אויגן אין איין עקסטאַז.

**פראַדע:** ווייז איר, מאירקע, די פּרוכתן, די אַלטע, די שענסטע, ווייז איר... לאהלע האָט צוגעזאָגט אויסשטיקן צו דער מאַמעס יאָרצייט אַ פּרוכת. אויסשטיקן וועט זי אים מיט גינגאָלד אויף דעם בעסטן סאַמעט, ווי מ׳פלעגט אַמאָל אויסשטיקן, מיט לייבעלעך, מיט אָדלערס. וועט מען אויפהענגען דעם פּרוכת אויפן אָרון־קודש, וועט איר מאַמעס כשרע נשמה פרייען זיך אין גן־עדן.

לאה קוקט זיך נישט זיכער אַרום, באַמערקט חננען, לאָזט־אַראָפּ די אויגן און בלייבט אַזוי די גאַנצע צייט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, אַנגעשטרענגט.

**מאיר:** אָך, מיטן גרעסטן פאַרגעניגן! ווי דען? די רגע ברענג איך די פּרוכתן, די שענסטע, די עלטסטע.

גייט צום קאַסטן ביי דער גאַס־טיר און נעמט פון־דאָרטן אַרויס פּרוכתן.

**גיטל:** (כאַפּט־אָן לאהן ביי דער האַנט) לאהלע, האָסט קיין מורא נישט ביינאַכט אין שול?

**לאה:** איך בין קיין מאָל נישט געווען ביינאַכט אין שול... חוץ שמחת־תורה, נאָר שמחת־תורה איז ליכטיק און פריילעך און איצטער... ווי טרויעריק דאָ איז, ווי טרויעריק!

**פראַדע:** טעכטערלעך, אַין אַ שול מוז זיין טרויעריק. האַלבע נאַכט קומען אַהער מתים דאַווענען און לאָזן דאָ זייער טרויער...

**גיטל:** באָבעניו! רעדט נישט וועגן טויטע, איך האָב מורא!

**פראַדע:** (נישט־הערנדיק זי) און יעדן פרימאָרגן, אַז דער אַלמעכטיקער וויינט אויפן חורבן בית־המקדש, פאַלן זיינע הייליקע טרערן אין די שולן. דערפאַר זיינען אין די אַלטע שולן די ווענט פאַרוויינטע. אויך מ׳טאָר זיי נישט קאַלכן. אַז מען קאַלכט זיי, בייזערן זיי זיך און וואַרפן מיט שטיינער.

**לאה:** ווי אַלט זי איז, ווי אַלט! פון דרויסן האָב איך דאָס נישט אַזוי באַמערקט.

**פראַדע:** אַלט, זייער אַלט, טאָכטערל. מ׳זאָגט אַפילו, אַז מ׳האָט זי געפונען אַ געבויטע אונטער דער ערד. וויפל חורבנות זיינען דאָ געווען, וויפל מאָל איז די גאַנצע שטאָט אָפּגעברענט, און זי איז גאַנץ געבליבן. איין מאָל נאָר האָט זיך אין איר אָנגעכאַפּט דער דאַך, זיינען אָנגעפלויגן טייבעלעך, אָן אַ צאָל טייבעלעך, האָבן גענומען פאָכען מיט די פליגעלעך און פאַרלאָשן דאָס פייער...

**לאה:** (נישט־הערנדיק זי, ווי פאַר זיך) ווי טרויעריק דאָ איז און ווי ליבלעך! מיר ווילט זיך נישט אַוועקגיין פון דאַנען, מיר ווילט זיך צופאַלן





צו די פאַרוויינטע ווענט, אַרומנעמען זיי האַרציק און פרעגן: פאַרוואָס זיינען זיי אַזוי טרויעריק און פאַרטראַכט, אַזוי שטיל און פאַראומערט. איך וואָלט וועלן... איך ווייס אַליין נישט וואָס, נאָר מיין האַרץ צערייסט זיך פון צאַרט־קייט און רחמנות...

**מאיר:** (ברענגט צו דער בימה פּרוכתן, שפּרייט־פונאַנדער איינעם) אָט דער איז דער עלטסטער. מער ווי צוויי הונדערט יאָר אַלט. מ׳העגנט אים אויף נאָר אויף פּסח.

**גיטל:** (אַנטציקט) זע, לאהלע, וואָס פאַר אַ פּראַכט! אויף האַרטן, ברוינעם סאַמעט זיינען אויסגעשטיקט מיט דיקן גאָלד צוויי לייבן. זיי האַלטן אַ מגן־דוד. ביי בײדע זײטן צוויי ביימער און אויף זיי טויבן! איצט איז נישט צו קריגן אַזאַ סאַמעט, נישט אַזאַ גאָלד.

**לאה:** דער פּרוכת איז אויך אַ האַרציקער און אַ טרויעריקער.
גלעט אים און קושט.

**גיטל:** (כאַפּט־אָן לאהן ביי דער האַנט. שטיל) זע, לאהלע, דאָרטן שטייט אַ בחור און קוקט אויף דיר! ווי מאָדנע ער קוקט אויף דיר!

**לאה:** (נאָך מער אַראָפּלאָזנדיק די אויגן) דאָס איז אַ ישיבה־בחור... חנן... ער האָט ביי אונדז געגעסן טעג...

**גיטל:** ער קוקט אויף דיר אַזוי, ווי ער וואָלט דיך רופן מיט די אויגן. ער וויל אוודאי צוגיין, נאָר ער וואַגט זיך נישט.

**לאה:** איך וואָלט וועלן וויסן, פאַרוואָס ער איז אַזוי בלייך און טרויעריק. ער האָט געמוזט קראַנק זיין...

**גיטל:** ער איז גאָר נישט טרויעריק. ביי אים פינקלען די אויגן.

**לאה:** ביי אים פינקלען שטענדיק די אויגן. אַזעלכע אויגן ביי אים. און אַז ער רעדט מיט מיר, פאַרכאַפּט ביי אים דער אָטעם. און ביי מיר אויך... עס איז דאָך נישט פּאַסיק, אַז אַ מיידל זאָל ריידן מיט אַ פרעמדן בחור...

**פראַדע:** (צו מאירן) וואָלסט אונדז געבן, מאירקע, אַ קוש טאָן די רייני־קייטן, ווי איז דאָס: זיין צו גאַסט ביי גאָט און נישט אַ קוש טאָן זיין הייליקע תורה.

**מאיר:** אַדרבא! אַדרבא! קומט.

ער גייט פאָרויס. גיטל פירט פראַדען, נאָך זיי לאה.
מאיר נעמט־אַרויס אַ ספר־תורה, גיט פראַדען קושן.

**לאה:** (אויסגלייכנדיק זיך מיט חננען, שטעלט זיך אויף אַ רגע אָפּ, שטיל) גוטן אָוונט, חנן... איר זייט צוריקגעקומען?

**חנן:** (מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם) יאָ...

**פראַדע:** קום, לאהלע, קושן די רייניקייט! (לאה גייט־צו צום אָרון־קודש. מאיר דערלאַנגט איר די ספר־תורה. זי כאַפּט זי אַרום, פאַלט צו איר

צו מיט די ליפּן, קושט זי ליידנשאַפטלעך) נו, טאַכטערל, גענוג! אַ ריינינקייט טאָר מען לאַנג נישט קושן. ריינינקייטן זיינען דאָך געשריבן מיט שוואַרצן פייער אויף ווייסן פייער! (מיט אַ מאָל שטאַרק דערשראָקן) אוי, ווי שפּעט עס איז, ווי שפּעט! קומט, טעכטערלעך, אַהיים, קומט גיכער אַהיים!

גייען געאיילט אַוועק. מ א י ר פאַרמאַכט דעם אָרון־קודש, גייט־ אַרויס נאָך זיי.

**חנן:** (שטייט אַ ווײַלע מיט געשלאָסענע אויגן, הייבט־אָן ווייטער זינגען „שיר השירים“ פון דעם אָרט, וואו ער האָט איבערגעריסן) „ווי אַ פּורפּור־ פּאָדעם זיינען די ליפּן דיינע און דיינע לעפּצן זיינען אײטלשטיין. ווי אַ גראַ־ נאַט־עפּל זיינען די שלייפן דיינע אונטער דיין דעקטוך“...

**העניך:** (הייבט־אויף דעם קאָפּ, קוקט אויף ח נ נ ע ן) חנן, וואָס זינגסטו? (ח נ ן ווערט אַנטשוויגן, עפנט די אויגן, קוקט־אויף ה ע נ ע כ ן) דיינע פּאות זיינען נאַס, ביסט נאָר וואָס ווידער געווען אין מקווה?

**חנן:** יאָ.

**העניך:** בשעת דו ביסט זיך טובל, באַניצסטו שמות? פּראָוועסט כוונות און יחודים לויטן „ספר רזיאל“?

**חנן:** יאָ.

**העניך:** און דו האָסט קיין מורא נישט?

**חנן:** ניין.

**העניך:** און דו פּאַסט משבת לשבת? דיר איז דאָס ניט־שווער?

**חנן:** מיר איז שווערער שבת צו עסן איידער די גאַנצע וואָך צו פּאַסטן. איך האָב אָנגעוואוירן דעם גלוסט צו עסן.

פּויזע.

**העניך:** (אינטים) פון וואָס וועגן טוסטו דאָס אַלץ? וואָס ווילסטו דער־ מיט דערגרייכן?

**חנן:** (ווי ריידנדיק צו זיך) איך וויל... איך וויל דערגרייכן אַ קלאָרן און פינקלדיקן דימענט, צעשמעלצן אים אין טרערן און אַריינזאַפּן אין מיין נשמה... איך וויל דערגרייכן די שטראַלן פונעם דריטן היכל, פון דער דריטער ספירה — תפארת... איך וויל... (מיט אַ מאָל זייער אומרואיק) יאָ! איך מוז נאָך באַקומען צוויי פּעסלעך מיט גילדערנע רענדלעך... פאַר יענעם וואָס קען נאָר ציילן רענדלעך...

**העניך:** (דערשטוינט) אָט וואָס?.. זע, חנן, היט זיך, דו שטייסט אויף אַ גליטשיקן וועג... דורך הייליקע כוחות וועסטו דאָס אַלץ נישט דערגרייכן...

**חנן:** (קוקט אים אָן דרייסט) און אַז נישט דורך הייליקע? האָ? אַז נישט דורך הייליקע?





**העניך:** (שטאַרק דערשראָקן) איך האָב מורא מיט דיר צו ריידן, איך האָב מורא צו שטיין נעבן דיר!

גייט געאיילט אַרויס. ח נ ן בלייבט אומבאַוועגלעך מיט אַ דרייסטן אויסדרוק. פון גאַס גייט־אַריין מ א י ר, פון חדר־מיוחד 1טער בטלן.

**1טער בטלן:** אָפּגעזאָגט אַכצן קאַפּיטלעך תהילים און גענוג. וואָס, דעם גאַנצן תהילים אָפּזאָגן פאַר אַ גילן? איז רייד מיט זיי. האָבן זיך אַריינ־ געזאָגט — זאָגן זיי ווייטער.

עס לויפט־אַריין אָ ש ר זייער פאַרהאַוועט.

**אָשר:** נאָר וואָס באַגעגנט ברוך דעם שניידער. ער איז געקומען פון קלימאָווקע, וואו סענדער איז זיך צוגויפגעפאָרן מיט די מחותנים, און זאָגט, אַז מ'איז נישט דורכגעקומען. סענדער האָט געמאָנט ביים חתנס צד צען יאָר קעסט און די מחותנים האָבן געגעבן נאָר פינף — איז מען זיך צעפאָרן...

**מאיר:** שוין דאָס פערטע מאָל!

**3טער בטלן:** וואָס פאַר אַ האַרצווייטיק!

**דער משולח:** (צום 3טן בטלן מיט אַ שמייכל) איר האָט אַליין געזאָגט, אַז אַ שידוך טוט מען מיט דעם, וועלכער איז באַשערט.

**חנן:** (גלייכט זיך אויס, מיט העכסטער באַגייסטערונג) איך האָב ווידער מנצח געווען!

פאַלט אָן כוח אויף דער באַנק און בלייבט זיצן מיט אַן אויסדרוק פון גליק אויפן פּנים.

**דער משולח:** (נעמט זיין זאַק, נעמט־אַרויס פון אים אַ לאַמטערן) צייט קלייבן זיך אין וועג.

**מאיר:** וואָס איילט איר?

**דער משולח:** איך בין דאָך אַ משולח. פריצים שיקן דורך מיר איינער צום אַנדערן וויכטיקע ידיעות, זעלטענע חפצים. דאַרף איך זיך איילן, די צייט איז נישט מיינע.

**מאיר:** איר וואָלט כאָטש וואַרטן ביז עס וועט אָנהייבן טאָגן.

**דער משולח:** צום טאָגן איז ווייט, און מיין וועג איז לאַנג. אַרום האַלבער נאַכט וועל איך אַרויסגיין.

**מאיר:** דרויסן איז שטאָק פינצטער.

**דער משולח:** מיט מיין לאַמטערן וועל איך נישט פאַרבלאָנדזשען.

פון חדר־מיוחד גייען־אַרויס 2טער און 3טער ב ט ל ן און די י ש י ב ה ־ ב ח ו ר י ם.

**2טער בטלן:** מזל־טוב! זאָל דער אייבערשטער צושיקן אַ רפואה־ שלימה דער חולנית!

**אַלע:** הלוואַי, אָמן!

**מאיר:** איך האָב שוין צוגעגרייט. (נעמט־אַרויס פֿון בוזעם אַ פֿלעשל און קיכלעך) קומט אין פֿאַליש, וועלן מיר דאָרטן מאַכן אַ לחיים.

עס עפֿנט זיך ברייט די טיר און עס גייט־אַריין סענדער אין אַ פֿונאַנדערגעשפּיליעטן בגד, דאָס היטל אַרויפֿגערוקט, פֿריילעך. נאָך אים דריי־פֿיר יידן.

**מאיר און די בטלנים:** (צוזאַמען) אָ! ר' סענדער! ברוך הבא!

**סענדער:** געפֿאָרן פֿאַרביי קלויז — קלער איך, מע דאַרף אַריינגיין אַ קוק טאָן, וואָס טוען אַנשי־שלומנו. (באַמערקט דאָס פֿלעשל ביי מאירן) זיי זיצן און לערנען אָדער ריידן וועגן הויכע ענינים. ערשט זיי קליבן זיך גאָר טרינקען תּיקון! כאַ־כאַ! אמתע מיראַפּאָליער חסידים!

**1טער בטלן:** איר וועט מיט אונדז נעמען אַ קאַפּעטשקע, ר' סענדער.

**סענדער:** פֿראַ־אָדם! איך וועל אַליין שטעלן תּיקון, און אַ פֿיינעם תּיקון. גיט מיר אָפּ מזל־טוב! אין אַ גוטער שעה פֿאַרקנסט די טאָכטער.

חנן כאַפּט זיך אויף פֿון אָרט דערשיטערט.

**מאיר:** און אונדז האָט מען נאָר וואָס אָנגעזאָגט, אַז איר זייט נישט דורכגעקומען מיטן מחותּן. און דער ענין איז בטל געוואָרן.

**3טער בטלן:** מיר האָבן זיך אַזוי מצער געווען!

**סענדער:** געוועסט טאַקע בטל געוואָרן, נאָר אין דער לעצטער רגע האָט דער מחותּן מסכּים געווען און מיר האָבן געשריבן למזל תּנאָים.

**חנן:** תּנאָים?!.. תּנאָים?!.. ווי הייסט? ווי קאָן דאָס זיין!.. (אין גרויס פֿאַרצווייפֿלונג) האָבן, הייסט דאָס, נישט געהאָלפֿן נישט די תּעניתים, נישט די מקוואָות, נישט די צירופֿים, נישט די סיגופֿים? אַלץ אומזיסט?.. וואָס זשע איצטער?.. מיט וואָסער וועג? מיט וואָסערע כּוחות? (כאַפּט זיך פֿאַר דער ברוסט, גלייכט זיך אויס, מיט אַ התלהבֿותדיקן פּנים) אַ — אַ — אַ!.. פֿאַר מיר אַנטפּלעקט זיך דער סוד פֿון גרויסן צווייפֿאַכיק אויסגעדריקטן שם!!! איך... זע אים!!.. איך... איך... איך האָב מנצח... געווען!!!

פֿאַלט אויף דער ערד.

**דער משולח:** (עפֿנט דעם לאַמטערן) דאָס ליכטל האָט אויסגעברענט. מע דאַרף אָנצינדן אַ נייס.

שרעקנדיקע פּויזע.

**סענדער:** מאיר! וואָס איז דאָ אַזוי פֿינצטער? וואָלסט אָנצינדן ליכט.

מאיר צינדט־אָן.

**דער משולח:** (גייט שטיל צו צו סענדערן) זייט איר מיט דעם מחותּן דורכגעקומען?





**סענדער:** (קוקט אים אָן פֿאַרוואונדערט, אַ ביסל דערשראָקן) יאָ...

**דער משולח:** עס טרעפֿט, אַז מחותּנים זאָגן־צו און האַלטן נישט וואָרט. עס דערגייט אַן אַנדערש מאָל צו אַ דין־תּורה. מ'דאַרף זיין זייער אָפּגעהיט...

**סענדער:** (דערשראָקן צו מאירן) ווער איז דער ייד? איך קאָן אים נישט.

**מאיר:** ער איז אַ נישט־היגער, אַ משולח...

**סענדער:** וואָס וויל ער פֿון מיר?

**מאיר:** איך ווייס נישט.

**סענדער:** (באַרואיקנדיק זיך) אַשר! גיב אַ שפּרונג צו מיר און זאָג, אַז איך האָב געהייסן צוגרייטן משקה, איינגעמאַכטס און אַ גוטן פֿאַרבייסן, געשווינד, אויף איין פֿוס. (אַשר לויפֿט־אַרויס) ביז מע וועט דאָרטן צוגרייטן, וועלן מיר דאָ אַ ווילע זיצן און פֿאַרברענגען... אפֿשר ווייס ווער אַ ניי וואָרט פֿון אונדזער רבין, אַ מופֿת, אַ משל. יעדע תּנועה זיינע איז טייערער פֿון פּערל.

**1טער בטלן:** (צו מאירן) באַהאַלט דאָס פֿלעשל, וועט צו ניץ קומען אויף מאָרגן.

מאיר באַהאַלט.

**דער משולח:** איך וועל אייך דערציילן זיינעם אַ משל. עס איז געקומען צום רבין אַ חסיד, אַ גבֿיר, נאָר אַ גרויסער קמצן. האָט דער רבי אים אָנגענומען פֿאַר אַ האַנט, צוגעפֿירט צום פֿענצטער און געזאָגט „קוק". האָט דער גבֿיר אַרויסגעקוקט אויף דער גאַס. פֿרעגט אים דער רבי: „וואָס זעסטו?" — ענטפֿערט ער: „איך זע מענטשן". נעמט אים ווידער דער רבי פֿאַר אַ האַנט און פֿירט אים צום שפּיגל און זאָגט: „קוק, וואָס זעסטו איצט?" — ענטפֿערט ער: „איצט זע איך זיך". זאָגט אים דער רבי: „פֿאַרשטייסטו מיך. אין פֿענצטער איז גלאָז און אין שפּיגל איז גלאָז. נאָר דאָס גלאָז פֿון שפּיגל איז אַ ביסל באַזילבערט. און ווי באַלד נאָר באַזילבערט, הערט מען אויף צו זען מענטשן און מע הייבט אָן זען נאָר זיך".

**3טער בטלן:** אָ! אָ! אָ! מתוק מדבש.

**1טער בטלן:** הייליקע ווערטער!..

**סענדער:** (צום משולח) האָ? וואָס?.. איר האָט דאָס מיר געוואָלט אַ שטאָך טאָן?..

**דער משולח:** חס־ושלום.

**2טער בטלן:** געדאַרפֿט עפּעס זינגען. (צום 3טן בטלן) זאָג דעם רבינס ניגון!

3טער בטלן הייבט־אָן זינגען אַ שטילן מיסטישן חסידישן ניגון. אַלע, אַלע העלפֿן־אונטער.

**סענדער:** (כאַפּט זיך אויף פון אָרט) און איצט אַ טאַנץ, אַ ריקודל! וואָס? סענדער גיט־אויס זיין בת־יחידה און מע זאָל נישט מאַכן אַ ריקודל? וואָס פאַר אַ מיראָפּאָליער חסידים וואָלטן מיר געווען! (סענדער, די דריי בטלנים און מאיר לייגן־אַרויף איינער דעם צווייטן די הענט אויף די אַקסלען, מאַכן אַ רעדל, פאַרגלאָצן די אויגן, זינגען אַ מאָנאָטאָן־מיסטישן ניגון און דרייען זיך לאַנגזאַם אויף איין אָרט. סענדער רייסט זיך אַרויס פון רעדל, פריילעך) און איצט אַ פריילעך טענצל. אַלע אַהער!

**2טער בטלן:** בחורים! בחורים! אַלע אַהער (עס גייען־צו עטלעכע בחורים) הענעך! חנן! וואו זייט איר? אַהער! אַ פריילעך ריקודל!

**סענדער:** (אַ ביסל צעמישט) אַ — אַ! חנן! מיין חנקע איז דאָך דאָ! וואו איז ער! ברענגט אים מיר אָקערשט אַהער!

**מאיר:** (דערזעט חננען אויף דער ערד) ער שלאָפט גאָר אויף דער ערד.

**סענדער:** וועק אים אויף, וועק אים אויף!

**מאיר:** (וועקט אים. דערשראָקן) ער וואַכט נישט אויף!

אַלע גייען־צו, בייגן זיך אָן, וועקן.

**1טער בטלן:** (שרייט־אויס דערשראָקן) ער איז געשטאָרבן!!

**2טער בטלן:** ביי אים פון האַנט איז אַרויסגעפאַלן דער ספר „רזיאל המלאך"!!

אַלע זיינען דערשטיטערט.

**דער משולח:** ער איז געניזוקט געוואָרן.

פאָרהאַנג





# צווייטער אַקט

אַ פּלאַץ אין בריניץ. לינקס — די אַלטע הילצערנע קלויז, פאַר־צייטיקע אַרכיטעקטור. פאַר דער קלויז אַ ביסל אין אַ זייט, אַ בערגל מיט אַן אַלטן מצבה־שטיין, וואָס אויף איט איז אויפגעשריבן: „פ"נ הקדושים והטהורים, חתן וכלה, שנהרגו על קידוש השם, שנת ת"ח, לפ"ק. ת'נ'צ'ב'ה". נאָך דער קלויז — אַ געסל, און אַ פּאָר קליינע הייזלעך, וואָס גיסן זיך צונויף מיט דער דעקאָראַציע. רעכטס — סענדערס הויז, אַ גרויס הילצערן הויז מיט אַ גאַניק. נאָכן הויז אַ ברייטער טויער פון הויף. ווייטער — אַ געסל, אַ ריי קרעמלעך, וואָס גיסן זיך אויך צונויף מיט דער דעקאָראַציע. אויף דער דעקאָראַציע רעכטס, נאָך די קראָמען, אַ קרעטשמע, אַ גרויסער פּריצישער גאָרטן, דעם פּריצס פּאַלאַץ. אַ ברייטער וועג לאָזט זיך אַראָפּ צום טייך. אויף יענער זייט טייך, אויפן הויכן ברעג, אַ בית־עולם מיט מצבות. לינקס — אַ בריק איבערן טייך, אַ מיל, נענטער אַ מרחץ, דער הקדש. אויפן פאָן — אַ געדיכטער וואַלד.

די טויערן פון סענדערס הויף זיינען ברייט געעפנט. אין הויף שטייען לאַנגע טישן, וואָס ציען זיך און גייען־אַרויס אויפן פּלאַץ. די טישן זיינען געגרייט און אַרום זיי זיצן אָרעמעלייט, קאַליקעס, אַלטע און קינדער, און עסן ווי הונגעריקע. סאַרווער גייען אַרויס פון שטוב מיט גרויסע פאַלומעשקעס מאכלים און קערב מיט ברויט און דערלאַנגען צום טיש.

פאַר די קרעמלעך און הייזער זיצן ווייבער, מאַכן זאָקן און לאָזן נישט אַראָפּ די אויגן פון סענדערס הויז. באַלעבאַטים און בחורים גייען־אַרויס פון קלויז מיט טלית־און־תפילין און גייען אין די הייזער און קראָמען. אַנדערע שטעלן זיך אָפּ אין רעדלעך. פון סענדערס הויף הערט זיך אַ מחיק־שפּיל, טענץ און אַ טומל־געשפּרעך.

אָונט. אין מיטן גאַס, פאַר דער קלויז, שטייט דער חתונה־אורח, אַ באַיאָרנטער ייד אין אַן אַטלעסענער זשופּיצע. פאַר־לייגט די הענט הינטערן גאַרטל. נעבן איט דער צווייטער בטלן.

**דער אורח:** (קוקט־אַרום די שול) אַ געהויבענע שול ביי איך... אַ פֿיינע, אַ גרויסע, די שכינה רוט אויף איר. ווייזט־אויס, זייער אַן אַלטע?

**2טער בטלן:** זייער אַן אַלטע. זקנים זאָגן, אַז זייערע זיידעס האָבן נישט געדענקט, ווען מ'האָט זי געבויט.

**דער אורח:** (דערזעט די מצבה) און וואָס איז דאָס? (גייט־צו, לייענט) „פה נקברו הקדושים והטהורים, חתן וכלה, שנהרגו על קידוש השם, שנת ת"ח". אַ חתן מיט אַ כלה געהרגעטע אויף קידוש השם?

**2טער בטלן:** אַז דער צורר כמעליוק, ימח שמו, איז אָנגעפֿאַלן מיט זיינע קאָזאַקן אויף דער שטאָט און האָט אויסגעקוילעט אַ העלפֿט יידן, האָט ער געהרגעט אַ חתן מיט אַ כלה, בשעת מע האָט זיי געפֿירט צו דער חופה. מע האָט זיי מקבר געווען דאָ אויפֿן אָרט, וואו מ'האָט זיי געהרגעט, ביידן אין איין קבר, און פֿון דעמאָלט אָן רופֿט מען אים „דאָס הייליקע קברל". (שטיל, ווי אַ געהיימעניש) יעדעס מאָל, בשעת דער רב איז מסדר קידושין, הערט ער זיפֿצן פֿון קברל... און ביי אונדז איז פֿון לאַנג אָן אַ מנהג, אַז נאָך דער חופה גייט מען טאַנצן אַרום קברל, משמח זיין די באַגראָבענע חתן און כלה...

**דער אורח:** אַ פֿיינער מנהג!

פֿון סענדערס הויף גייט־אַרויס מאיר, גייט־צו.

**מאיר:** (מיט היץ) איז עס אַן אָרעם־מאַלצייט! זינט איך שטיי אויף די פֿיס, האָב איך אַזאַ אָרעם־מאַלצייט נישט געזען!

**דער אורח:** קיין חידוש נישט, סענדער גיט־אויס זיין בת־יחידה...

**מאיר:** (מיט התלהבות) מ'טיילט יעדן צו שטיק פֿיש, נאָך דעם צו שטיק געבראָטנס, און נאָך צימעס! און פֿאַר דער סעודה האָט מען געטיילט בראָנפֿן און לעקעך! דאָס דאַרף דאָך אָפּקאָסטן מיליאָסן געלט, נישט צו משער זיין!

**2טער בטלן:** סענדער ווייס וואָס ער טוט. אַז מ'איז נישט יוצא פֿאַר איין גערופֿענעם אורח, איז נישטאָ קיין גרויסע אַחריות. וועט ער זיך בלאָזן! אָבער אַז מ'איז נישט יוצא פֿאַר אָרעמעלייט, איז טאַקע אַ גרויסע סכנה... מ'קאָן דאָך קיין מאָל נישט וויסן, ווער עס געפֿינט זיך אין די בגדים פֿון אַן אָרעמאַן. אפֿשר אַ בעטלער און אפֿשר גאָר אַנדערש ווער. אַ נסתר, אַ לאַמעד־וואָוניק...

**מאיר:** פֿאַרוואָס נישט אליהו הנביא? ער ווייזט זיך דאָך אַלע מאָל אין געשטאַלט פֿון אַן אביון.

**דער אורח:** אָפּגעהיט דאַרף מען זיין נישט נאָר מיט אָרעמעלייט. וועגן קיין מענטשן קאָן מען נישט וויסן, ווער ער איז, ווער ער איז געווען אין פֿריערדיקן גלגול און צוליב וואָס ער איז געקומען אויף דער וועלט.





פֿון געסל לינקס גייט־אַרויס דער משולח מיטן זאַק אויף די פּלייצעס.

**מאיר:** (דערזעענדיק דעם משולח, גייט־צו צו אים) שלום עליכם! איר זייט ווידער געקומען צו אונדז?

**דער משולח:** מע האָט מיך ווידער געשיקט אַהער.

**מאיר:** איר זייט געקומען אין אַ גוטער צייט, צו אַ גבירישער חתונה.

**דער משולח:** וועגן דער חתונה רעדט מען אין דער גאַנצער געגנט.

**מאיר:** איר האָט אפֿשר געטראָפֿן וואו אין וועג די מחותנים? זיי האָבן פֿאַרשפּעטיקט.

**דער משולח:** דער חתן וועט קומען ביי־צייטנס.

גייט צו דער קלויז. דער אורח, צווייטער בטלן און מאיר גייען אין הויף. הינטער די טישן באַווייזט זיך לאה אין חתונה־קליידער, דרייט זיך טאַנצנדיק מיט איינער נאָך דער אַנדערער פֿון די אַלטע אָרעמע יידענעס. אַנדערע אָרעמע ציִען זיך צו איר. די וואָס האָבן געענדיקט טאַנצן גייען־אַרויס אויפֿן פּלאַץ, מאַכן רעדלעך.

**אַ יידענע מיט אַ קינד:** (צופֿרידן) איך האָב געטאַנצט מיט דער כלה.

**אַ הינקעדיקע:** איך אויך. איך האָב זי אַרומגענומען און געטאַנצט. כי, כי!

**דער האָרבאַטער:** וואָס טאַנצט עפּעס די כלה נאָר מיט ווייבער? איך וואָלט אויך וועלן אַרומנעמען זי און דרייען זיך מיט איר. כע, כע, כע!

**עטלעכע אָרעמעלייט:** כע, כע, כע!

עס גייען־אַרויס פֿון שטוב אויפֿן גאַניק פֿראַדע, גיטל, בתיה.

**פֿראַדע:** (אומרואיק) ווי איז מיר! לאהלע טאַנצט נאָך אַלץ מיט די אָרעמעלייט. ביי איר וועט זיך דער קאָפּ פֿאַרדרייען, טעכטערלעך, ברענגט זי צו פֿירן אַהער.

זעצט זיך אויף אַ בענקל. גיטל און בתיה גייען צו לאהן.

**גיטל:** גענוג, לאהלע, צו טאַנצן, קום!

**בתיה:** דיר וועט זיך דאָס קעפּעלע פֿאַרדרייען.

זי און גיטל נעמען־אָן לאהן פֿאַר די הענט און ווילן זי אָפּפֿירן.

**די אָרעמע ווייבער:** (רינגלען־אַרום לאהן מיט אַ בעטנדיקן, וויינענדיקן געשריי) זי האָט נאָך מיט מיר נישט געטאַנצט! מיט וואָס בין איך ערגער פֿאַר אַן אַנדערער?

**—** אַ גאַנצע שעה ווי איך וואַרט, זי זאָל מיט מיר טאַנצן!

— לאָזט מיך. נאָך עלקען דאַרף איך מיט איר טאַנצן.

— מיט דער הינקעדיקער יאַכנע האָט זי זיך געדרייט אפשר צען מאָל און מיט מיר אַפילו קיין איין מאָל נישט! איך האָב צו גאָרנישט קיין מזל!

**מאיר :** (גייט־אַרויס פון הויף, שטעלט זיך אויף אַ בענקל. אויפן קול מיט אַ גוזאַנג, ווי אַ מאַרשעליק)

האָט געלאָזט בעטן דער מחותן, דער גביר,
אַלעמען קומען אין שפּיכלער צו דער טיר!
ס'וועט טיילן נדבות ר' סענדער אַליין
צו צען גראָשן פאַר יעדן פּאַרשוין!

**די אָרעמעלייט :** (לויפן געאיילט, שטופּנדיק אייפער דעם אַנדערן, אין הויף, שרייען אויפגערעגט) צען גראָשן!! צען גראָשן!!

דאָס פּלאַץ ווערט פּוסט. עס בלייבן נאָר ל א ה, ג י ט ל, ב ת י ה און אַ בלינדלעכע אַלטע.

**די בלינדלעכע אַלטע :** (כאַפּט־אָן לאה׳ן) איך דאַרף נישט די גדבה, נאָר טאַנץ מיט מיר. כאָטש איין מאָל דריי זיך אַרום מיט מיר. שוין פערציק יאָר ווי איך האָב נישט געטאַנצט! אוי, האָב איך געטאַנצט אין דער יוגנט, האָב איך געטאַנצט! (ל א ה נעמט־אַרום די אַלטע, דרייט זיך מיט איר. די אַלטע לאָזט נישט אָפּ, בעט) נאָך! נאָך! (זיי דרייען זיך. די אַלטע מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם, היסטעריש) נאָך!.. נאָך!..

ג י ט ל פירט־אָפּ די אַלטע מיט געוואַלט אין הויף, קערט זיך אום און צוזאַמען מיט ב ת י ה ן פירן זיי אָפּ ל א ה ן צום גאַניק, זעצן זיך אויף אַ בענקל. די סאַרווער און דינער נעמען־צו די טישן, שליסן־צו דעם טויער.

**פראַדע :** ביסט בלייך ווי אַ טוך, לאהלע. האָסט זיך פאַרמאַטערט?

**לאה :** (מיט געשלאָסענע אויגן, אַ פאַרוואָרפענעם קאָפּ, רעדט ווי אין חלום) זיי האָבן מיך אַרומגענומען, אַרומגערינגלט, געדריקט זיך צו מיר, געצויגן זיך צו מיר מיט זייערע קאַלטע, טרוקענע פינגער... דער קאָפּ האָט זיך געדרייט, דאָס האַרץ האָט געחלשט... נאָך דעם האָט מיך עמעצער אויפגעהויבן אין דער לופטן און אַוועקגעטראָגן וויט, וויט...

**בתיה :** (דערשראָקן) לאהלע! זע, ווי זיי האָבן צעקנייטשט און פאַר־פלעקט דיין קלייד! וואָס וועסטו איצט טאָן!

**לאה :** (ווי פריער) אַז מ'לאָזט די כלה אַליין, פאַר דער חופה, קומען רוחות און טראָגן זי אַוועק...

**פראַדע :** (דערשראָקן) וואָס פאַר אַ ווערטער רעדסטו, לאהלע! די שוואַרצע טאָר מען נישט דערמאָנען מיט זייער נאָמען. זיי זיצן זיך באַהאַלטן





און פאַרגראָבן אין אַלע ווינקעלעך, אין אַלע לעכעלעך, אין אַלע שפּעלטעלעך. אַלץ זעען זיי, אַלץ הערן זיי און וואַרטן נאָר, מ'זאָל זיי אָנרופן מיט זייער טריפענעם נאָמען, שפּרינגען זיי באַלד אַרויס און וואַרפן זיך אָן אויף אַ מענטשן. טפו! טפו! טפו!

**לאה :** (עפנט די אויגן) זיי זיינען נישט קיין בייזע...

**פראַדע :** גלייבן זיי טאָר מען אויך נישט. אַז מ'גלייבט אַ נישט־גוטן, ווערט ער צעלאָזן און הייבט־אָן שטיפן...

**לאה :** (זייער זיכער) באָבינקע! אונדז רינגלען־אַרום נישט בייזע רוחות, נאָר נשמות פון מענטשן, וואָס זיינען געשטאָרבן פאַר דער צייט. אָט קוקן זיי זיך צו און הערן זיך צו צו אַלץ, וואָס מיר טוען און ריידן...

**פראַדע :** גאָט איז מיט דיר, טאָכטערל! וואָס רעדסטו! נשמות! וועלכע נשמות? ריינע כשרע נשמות פליען־אַרויף אויפן הימל, רוען אין ליכטיקן גן־עדן...

**לאה :** ניין, באָבעניו, זיי זיינען מיט אונדז! (מיט אַן אַנדער טאָן) באָבע! אַ מענטש ווערט דאָך געבוירן אויף אַ גרויסן, לאַנגן לעבן. און אַז ער שטאַרבט פאַר דער צייט, וואו קומט־אַהין זיין נישט־דערלעבט לעבן? זיין פרייד און זיין לייד? זיינע געדאַנקען, וואָס ער האָט קיין צייט נישט געהאַט צו טראַכטן, זיינע מעשים, וואָס ער האָט קיין צייט נישט געהאַט צו טאָן? וואו קומען אַהין די קינדער, וועלכע ער האָט קיין צייט נישט געהאַט צו האָבן? וואו קומט דאָס אַלץ אַהין? וואו? (פאַרטראַכט) האָט געלעבט אַ בחור, געווען איז ביי אים אַ הויכע נשמה און טיפע געדאַנקען. אַ לאַנג לעבן איז געווען פאַר אים... און מיט אַ מאָל, אין איין רגע, האָט זיך איבערגעריסן זיין לעבן, און עס זיינען געקומען פרעמדע מענטשן און האָבן אים מקבר געווען אין אַ פרעמדער ערד. (מיט פאַרצווייפלונג) וואו זשע איז אַהינגעקומען זיין איבעריק לעבן? זיינע רייד, וואָס זיינען אָנטשוויגן געוואָרן, זיינע תפילות, וואָס זיינען איבערגעריסן געוואָרן?.. באָבע, אַ ליכט, אַז זי ווערט פאַרלאָשן, צינדט מען זי ווידער אָן און זי ברענט ווייטער ביז זי ברענט־אויס ביזן סוף. ווי זשע קאָן פאַרלאָשן ווערן אויף אייביק אַ נישט־אויסגעברענט ליכט פון לעבן? ווי קאָן דאָס זיין?

**פראַדע :** (שאָקלט מיטן קאָפּ) מ'טאָר נישט, טאָכטערל, טראַכטן וועגן אַזעלכע זאַכן! דער אייבערשטער ווייס וואָס ער טוט. און מיר זיינען בלינדע, מיר ווייסן גאָרנישט.

**לאה :** (נישט־הערנדיק זי, זיכער) ניין, באָבעניו, אַ מענטשנס לעבן גייט נישט פאַרפאַלן. אַז עמעצער שטאַרבט פאַר דער צייט, קערט זיך זיין נשמה אום אויף דער וועלט, כדי צו דערלעבן די איבעריקע יאָרן, צו פאַרענדיקן די נישט־געטוענע מעשים, דורכפילן די נישט־איבערגעלעבטע פריידן און

לײדן. (פויזע) באָבע! איר האָט דערציילט, אַז האַלבע נאַכט קומען אין שול מתים דאַוונען. דאָס קומען זיי פאַרענדיקן די תפילות, וואָס זיי האָבן קיין צייט נישט געהאַט אויסצוזאָגן. (פויזע) מיין מאַמע איז געשטאָרבן אין דער יוגנט, האָט קיין צייט נישט געהאַט איבערצולעבן, וואָס איר איז באַשערט געווען. וועל איך היינט גיין אויפן בית־עולם און וועל זי בעטן, זי זאָל קומען און צוזאַמען מיטן טאַטן פירן מיך אונטער דער חופה. און זי וועט קומען און וועט נאָך דעם טאַנצן מיט מיר... און אַזוי איז מיט אַלע נשמות, וואָס זיינען פאַר דער צייט אַוועק פון דער וועלט. זיי זיינען צווישן אונדז, נאָר מיר זעען זיי נישט, מיר פילן זיי נישט... (שטיל) באָבעניו, אַז מ׳זאָל שטאַרק וועלן, קאָן מען זיי זען און הערן זייער קול און פאַרשטיין וואָס זיי טראַכטן... איך וויס... (פויזע. ווייזט אויפן קברל) אָט דאָס הייליקע קברל, איך געדענק עס פון קינדווייז, איך קען די חתן־כלה, וואָס זיינען דאָרט באַגראָבן. איך האָב זיי פיל מאָל געזען אין חלום און אויף דער וואָר, און זיי זיינען מיר נאָענט, ווי אייגענע... (פאַרטראַכט) יונגע און שיינע זיינען זיי געגאַנגען צו דער חופה. פאַר זיי איז געווען אַ לאַנג לעבן, אַ שיין לעבן. מיט אַ מאָל זיינען אַנגעלאָפן בייזע מענטשן מיט העק — און די חתן־כלה זיינען געפאַלן טויטע. מ׳האָט זיי ביידן באַגראָבן אין איין קבר, זיי זאָלן בלייבן אויף אייביק נישט־צעשיידט. און ביי יעדער חתונה, אַז מ׳טאַנצט אַרום זייער קבר, גייען זיי אַרויס און נעמען אָנטייל אין דער פרייד פון חתן־כלה... (הייבט זיך אויף און גייט צום קברל. פ ר אַ ד ע, ג י ט ל און ב ת י ה גייען איר נאָך. שפּרייט אויס די הענט. הויך) הייליקע חתן־כלה! איך פאַרבעט אייך צו מיר אויף חתונה! קומט און שטעלט זיך נעבן מיר אונטער דער חופה!

עס דערהערט זיך אַ פריילעכער קלעזמער־מאַרש. ל א ה שרייט־אויס פון שרעק און פאַלט שיער נישט.

**גיטל:** (האַלט זי אונטער) וואָס האָסטו זיך דערשראָקן, דאָס איז מסתמא געקומען דער חתן, האָט מען אים ביים אַריינפאָר אין שטעטל באַגעגנט מיט מוזיק.

**בתיה:** (אויפגערעגט) איך וועל לויפן שטילערהייט אָנקוקן אים.

**גיטל:** איך אויך. נאָך דעם וועלן מיר קומען זאָגן דיר, אַוועלכער ער איז. ווילסט?

**לאה:** (שאָקלט מיטן קאָפּ) ניין...

**בתיה:** זי שעמט זיך! שעם זיך נישט, נאַרעלע, מיר וועלן קיינעם נישט אויסזאָגן.

גייען געשווינד אַוועק. ל א ה און פ ר אַ ד ע קערן זיך אום צום גאַניק.





**פראַדע:** אַ כלה בעט אַלע מאָל די חברטעס, זיי זאָלן גיין שטילערהייט אָנקוקן דעם חתן און קומען זאָגן איר, אַוועלכער ער איז, אַ ווייסינקער, צי אַ שוואַרצינקער.

**דער משולח:** (גייט־צו נענטער) כלה.

**לאה:** (גיט אַ ציטער, קערט זיך אום) וואָס ווילט איר?

קוקט אויפמערקזאַם אויף אים.

**דער משולח:** נשמות פון געשטאָרבענע קערן זיך אום אויף דער וועלט, אָבער נישט ווי רוחות אָן אַ גוף. פאַראַן נשמות, וואָס גייען דורך עטלעכע גופים, ביז זיי דערגרייכן זייער אויסלייטערונג. (מיט אַלץ שטאַרקערער אויפמערקזאַמקייט הערט ל א ה אים אויס) זינדיקע נשמות ווערן מגולגל אין חיות, אין עופות, אין פיש, אַפילו אין צמחים, און זיי קאָנען זיך אַליין נישט אויסלייטערן און זיי וואַרטן ביז אַ צדיק וועט זיי באַפרייען און מתקן זיין. און עס זיינען דאָ נשמות, וואָס קומען־אַריין אין אַ ניי־געבוירענעם גוף און לייטערן זיך אַליין אויס, מיט די אייגענע מעשים...

**לאה:** (ציטערנדיק) רעדט! רעדט ווייטער!

**דער משולח:** און עס זיינען דאָ פאַרוואָגלטע נשמות, וואָס געפינען זיך קיין רו נישט און זיי דרינגען־אַריין אין אַ פרעמדן לעבעדיקן גוף, ווי אַ ד י ב ו ק, און דורך דעם דערגרייכן זיי זייער אויסלייטערונג...

ער פאַרשווינדט. ל א ה בלייבט איבערגעראַשט. עס גייט־אַרויס פון שטוב ס ע נ ד ע ר.

**סענדער:** וואָס זיצסטו דאָ, טאָכטערל?

**פראַדע:** זי האָט משמח געווען די אָרעמעלייט פון אָרעם־מאַלצייט, געטאַנצט מיט זיי, האָט זי זיך פאַרמאַטערט און רוט־אָפּ.

**סענדער:** אָ! די אָרעמעלייט משמח געווען — דאָס איז אַ גרויסע מצווה! (קוקט צום הימל) שוין שפּעט. די מחותנים מיטן חתן זיינען שוין געקומען. זייט איר גרייט?

**פראַדע:** זי דאַרף נאָך גיין אויפן הייליקן אָרט...

**סענדער:** גיי, טאָכטערל, גיי צו דער מאַמען אויפן קבר. (זיפצט) וויין זיך אויס דאָרטן און פאַרבעט די מאַמע אויף חתונה. זאָג איר, אַז איך וויל מיט איר אין איינעם פירן צו דער חופה אונדזער בת־יחידה... זאָג איר, אַז איך האָב מקיים געווען אַלץ, וואָס זי האָט מיך געבעטן פאַרן טויט. דאָס גאַנצע לעבן האָב איך אָפּגעגעבן נאָר דיר, האָב דיך אויסגעהאָדעוועט, געמאַכט פאַר אַ כשרע יידישע טאָכטער. און איצטער גיב איך דיך אויס פאַר אַ בחור אַ וואויללערנער, אַ ירא־שמים און אַ מיוחס...

ווישט־אָפּ די טרערן און מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ קערט זיך אום אין שטוב. פויזע.

**לאה:** באַבעניו, אויפן בית־עולם מעג איך רופן אויף חתונה אַנדערע, אַ חוץ דער מאַמען?

**פראַדע:** נאָר די נאָענטע קרובים. וועסט רופן דעם זיידן ר׳ אפרימען, די מומע מירעלע.

**לאה:** איך וואָלט וועלן רופן איינעם... נישט אַ קרוב.

**פראַדע:** מ׳טאָר נישט, טאָכטערל. אויב דו וועסט רופן אַ פרעמדן, וועלן די איבעריקע מתים פאַראיבל האָבן און זיי קאָנען בייז טאָן...

**לאה:** נישט קיין פרעמדער... ער איז געווען ביי אונדז ווי אַן אייגענער...

**פראַדע:** (שטיל, דערשראָקן) אַ... טעכטערל, איך האָב מורא!.. מע זאָגט, ער איז געשטאָרבן מיט אַ מיאוסן טויט... (לאה וויינט שטיל) נו, וויין נישט, וויין נישט. רוף אים, איך נעם אויף זיך דעם חטא... (דערמאָנט זיך) אָבער איך ווייס דאָך נישט, וואו זיין קבר איז, און פרעגן איז נישט־פּאַסיק.

**לאה:** איך ווייס, וואו ער איז.

**פראַדע:** (פאַרוואונדערט) פון וואַנען ווייסטו?

**לאה:** איך האָב געזען אין חלום זיין קבר. (מאַכט־צו די אויגן, פאַר־טראַכט) און אים האָב איך אויך געזען. און ער האָט מיר דערציילט, וואָס מיט אים טוט זיך... און האָט געבעטן, איך זאָל אים רופן אויף חתונה.

עס קומען צו לויפן גיטל און בתיה.

**גיטל, בתיה:** (צהאַמען, אויפגערעגט) מיר האָבן אים געזען! מיר האָבן אים געזען!

**לאה:** (דערשיטערט) וועמען? וועמען האָט איר געזען?

**גיטל:** דעם חתן! ער איז אַ שוואַרצינקער, אַ שוואַרצינקער!

**בתיה:** ניין, אַ ווייסינקער! ניין, אַ ווייסינקער!

**גיטל:** קום, מיר וועלן אים נאָך אַ מאָל אָנקוקן!

גייען געשווינד אַוועק.

**לאה:** (שטייט־אויף) באָבע, קומט אויפן בית־עולם.

**פראַדע:** (טרויעריק) קום, טאָכטערל, אַך־אַך־אַך!

לאה נעמט אַ שוואַרצן שאַל אויף די פּלייצעס און גייט מיט פראַדען אין געסל רעכטס. אַ ווײַלע שטייט די סצענע פּוסט. עס הערט זיך מוזיק שפּילן. פון געסל, לינקס, גייען־אַרויס נחמן, ר׳ מענדל און מנשה, אַ קליין, דאַר בחורל, אַ דערשראָקנס, מיט גרויסע פאַרוואונדערטע אויגן; נאָך זיי מחותנים, מחותנתטעס, אַנגעטאָן יום־טובדיק. זיי אַנטקעגן גייט־אַרויס סענדער.





**סענדער:** (דערלאַנגט די האַנט נחמנען) שלום עליכם, מחותן. ברוך הבא! (קושן זיך. סענדער גיט שלום מנשהן, קושט זיך מיט אים. גיט שלום די איבעריקע) ווי איז געווען דער וועג, מחותן?

**נחמן:** מיר האָבן געהאַט זייער אַ שווערן און ביטערן וועג! מיר זיינען אַראָפּ פון שליאַך און אַ לאַנגע צייט געבלאָנדזשעט אין פעלד, נאָך דעם זיינען מיר פאַרקראָכן אין אַ זומפּ און שיער דאָרט נישט איינגעזונקען געוואָרן, קוים אַרויסגעקראָכן. מיר איז שוין אַריינגעפאַלן אַ מחשבה, אַז די נישט־גוטע, רחמנא לצלן, האָבן זיך אַריינגעמישט אוןְ לאָזן אונדז נישט פאָרן... נאָר, ווי די מעשה איז, אַ דאַנק גאָט, געקומען אין דער צייט.

**סענדער:** איר זייט אַוודאי מיד פון וועג. איר ווילט מסתמא אָפּרוען.

**נחמן:** קיין צייט נישטאָ אָפּצורוען. מיר האָבן נאָך פיל צו ריידן וועגן אונדזערע התחייבותן, וועגן איינלייגן דעם נדן, מתנות, רח״ש וכל״ז.

**סענדער:** אַדרבה!

ער נעמט אים אַרום און זיי הייבן־אָן אומגיין הין־און־צוריק איבערן פּלאַץ און ריידן שטיל.

**ר׳ מענדל:** (צו מנשהן) געדענק זשע, ביים טיש דאַרפסטו זיצן שטיל, נישט רירן זיך פון אָרט, און האַלטן אַראָפּגעלאָזט די אויגן... און באַלד נאָך דער חופה־וועטשערע, ווי נאָר דער בדחן וועט אויסרופן „דער חתן וועט זאָגן די דרשה!", זאָלסטו גלייך אויפשטיין, שטעלן זיך אויפן בענקל און זאָלסט אָנהייבן זאָגן אויפן קול, מיט אַ ניגון. וואָס העכער דו וועסט שרייען, איז אַלץ בעסער. און שעם זיך נישט! הערסט?

**מנשה:** (מעכאַניש) איך הער... (שטיל) רבי, איך האָב מורא...

**ר׳ מענדל:** (דערשראָקן) וואָס האָסטו מורא? האָסט אפשר פאַרגעסן די דרשה?

**מנשה:** די דרשה געדענק איך...

**ר׳ מענדל:** וואָס זשע דען האָסטו מורא?..

**מנשה:** (מיט אַ שטאַרקן צער) איך ווייס נישט... ווי נאָר מיר זיינען אַרויסגעפאָרן פון דער היים, איז אויף מיר אָנגעפאַלן אַ שטאַרקער פחד: מיר זיינען פרעמד די ערטער, וואו מיר זיינען דורכגעפאָרן, איך האָב קיין מאָל נישט געזען אַזוי פיל פרעמדע מענטשן... מיך נעמט־אָן אַ שרעק, אַז זיי קוקן אויף מיר... איך האָב מורא פאַר זייערע אויגן... (ציטערט) רבי! פאַר קיין זאַך ציטער איך נישט אַזוי, ווי פאַר דעם בליק פון פרעמדע אויגן!

**ר׳ מענדל:** איך וועל דיר אָפּשפּרעכן אַן עין־הרע.

**מנשה:** רבי! איך וואָלט וועלן בלייבן אַליין, פאַרבאָרגן זיך ערגעץ אין אַ ווינקל, און דאָ רינגלען מיך אַרום פון אַלע זייטן פרעמדע מענטשן, איך דאַרף מיט זיי ריידן, ענטפערן זיי... ווי מ׳וואָלט מיך פירן צו דער תליה!

(אַ מיסטישער שרעק) רבי! און מער פֿאַר אַלץ פֿאַרכט איך זיך פֿאַר איר... פֿאַר דער בתולה!..

**ר׳ מענדל:** טו־אָן אויף זיך אַ כּוח! זיי מנצח די שרעק, אַנישט — וועסטו די דרשה, חלילה, פֿאַרגעסן... קום, מיר וועלן אַריינגיין אין אַכסניה, וועסטו זי נאָך אַ מאָל איבערחזרן.

זיי גייען.

**מנשה:** (דערזעט פֿאַר זיך דאָס הייליקע קבֿרל, ווערט פֿאַרציטערט, כאַפּט ר׳ מענדלען פֿאַר דער האַנט) רבי! וואָס איז דאָס? אַ קבֿר אין מיטן גאַס!!

שטעלן זיך אָפּ. לייענען שווייגנדיק די מצבֿה. שטייען אַ ווײַלע און גייען מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ אין געסל לינקס. סענדער, נחמן און די מחותנים גייען־אַריין אין הויז. פֿון סענדערס הויף גייען־אַרויס איינע נאָך די אַנדערע אָרעמע לײַט, מיט די טאָרבעס אויף די פּלייצעס, מיט שטעקנס אין די הענט, גייען־דורך שטיל און טרויעריק דאָס פּלאַץ און פֿאַרשווינדן אין געסל, לינקס. אייניקע שטעלן זיך אָפּ אויף אַ רגע.

**אַ הויך בלאַס ווײַבל:** אָט איז די אָרעם־מאָלצײַט אויך פֿאַרבײַ, גלייך ווי נישט געווען...

**אַ הינקעדיקע זקנה:** געזאָגט, אַז מ׳וועט געבן צו אַ טעלער יויך, און מ׳האָט נישט געגעבן.

**אַ האָרבאַטע:** חלה געגעבן צו קליינע המוציאלעך...

**אַן אָרעמאַן אויף קוליעס:** אַזאַ גבֿיר! קראַנק איז ער געווען צו געבן צו גאַנצע בולקעס יעדערן?

**אַ הויך בלאַס ווײַבל:** געמעגט געבן צו שטיקלעך עוף. נישקשה, פֿאַר די גבֿירישע אורחים האָט מען אָנגעגרייט אי הינער, אי געַנדז, אי געשטאָפּטע ענדיקעס...

**אַ בלינדלעכע זקנה:** אַלץ איינס... נאָכן טויט וועט אַלץ אָנקומען די ווערעם, אַך־אַך־אַך!

גייען לאַנגזאַם אַוועק. די סצענע שטייט אַ ווײַלע פּוסט. דער משולח גייט לאַנגזאַם דורך איבער דער סצענע, גייט־אַריין אין שול. עס ווערט פֿינצטערלעך. די קרעמער שליסן די קראָמען, גייען־אַוועק. אין קלויז און בײַ סענדערן אין הויז צינדט זיך אָן אַ פֿײַער. אויפֿן גאַניק גייען־אַרויס סענדער, גיטל און בתיה, קוקן זיך אום.

**סענדער:** (אומרואיק) וואו איז לאה? וואו איז די אַלטע? פֿאַרוואָס





קומען זיי נישט אַזוי לאַנג פֿון הייליקן אָרט? צי האָט זיך מיט זיי, חס־ושלום, עפּעס נישט געטראָפֿן.

**גיטל, בתיה:** מיר וועלן גיין זיי אַנטקעגן.

פֿון געסל, רעכטס, גייען געאײַלט אַרויס פֿראַדע און לאה.

**פֿראַדע:** גיכער, גיכער, טאָכטערל! אַך, ווי מיר האָבן פֿאַרשפּעטיקט!.. נאָך וואָס האָב איך דיך געדאַרפֿט פֿאָלגן! איך ציטער, עס זאָל נישט טרעפֿן עפּעס אַן אומגליק, חס־ושלום.

**סענדער:** נו! אָט זײַנען זיי! וואָס האָט איר אַזוי פֿאַרשפּעטיקט?

פֿון שטוב גייען־אַרויס ווײַבער.

**ווײַבער:** פֿירט די כּלה ליכט בענטשן!

זיי פֿירן־אַריין לאהן אין שטוב.

**פֿראַדע:** (שטיל צו גיטלען און בתיהן) זי איז געפֿאַלן חלשות. קוים אָפּגעמינטערט זי! איך ציטער נאָך...

**בתיה:** זי פּאַסט דאָך, האָט איר פֿאַרחלשט דאָס האַרץ.

**גיטל:** זי האָט שטאַרק געוויינט אויף דער מאַמעס קבֿר?

**פֿראַדע:** (מאַכט מיט דער האַנט) פֿרעג בעסער נישט, וואָס דאָרטן האָט זיך געטאָן! איך ציטער!

מ׳גרייט־צו לעבן טיר אַ שטול, מ׳פֿירט־אַרויס לאהן און מ׳באַזעצט זי. עס שפּילט מחיק. פֿון געסל, לינקס, גייען־אַרויס נחמן, מנשה, ר׳ מענדל, די מחותנים. מנשה טראָגט אין ביידע הענט אַ דעקטוך און גייט צו לאהן אַרויפֿוואַרפֿן איר אויפֿן פּנים. פֿון קלויז גייט־אַרויס דער משולח.

**לאה:** (רײַסט־אַראָפּ דעם דעקטוך, שפּרינגט־אויף פֿון אָרט, שטויסט־אָפּ מנשהן און שרײַט־אויס) נישט דו ביסט מײַן חתן!!

עס ווערט אַ שטאַרקער טומל. אַלע רינגלען־אַרום לאהן.

**סענדער:** טאָכטערל! טאָכטערל! לאה! וואָס איז מיט דיר?!

**לאה:** (רײַסט זיך אַרויס, לויפֿט־צו צום קבֿרל, שפּרייט־אויס די הענט) הייליקע חתן־כּלה, באַשיצט מיך, ראַטעוועט מיך! (זי פֿאַלט. מ׳לויפֿט־צו צו איר, מ׳הייבט זי אויף. זי קוקט זיך ווילד אַרום און שרײַט נישט מיט איר קול, נאָר מיט אַ מאַנסבילשן) אַ־אַ! איר האָט מיך מקבֿר געווען און איך האָב מיך אומגעקערט צו מײַן באַשערטער און וועל נישט אַוועקגיין פֿון איר!

(נחמן גייט־צו צו לאהן. זי שרײַט אים אויס גלייך אין פּנים) כאַמעליוק!!

**נחמן:** (פֿאַרציטערט) זי איז משוגע געוואָרן.

**דער משולח:** אין דער כּלה איז אַרײַן אַ דיבוק.

אַ שטאַרקער טומל.

פֿאָרהאַנג

# דריטער אַקט

אין מיראָפּאָליע, ביי ר׳ ע ז ר י א ל ק ע מ י ר א ָ פ ּ א ָ ל י ע ר אין הויז. אַ גרויסער חדר, רעכטס אַ טיר אין די אינעווייניקסטע חדרים. אין מיטן דער פאָדערשטער וואַנט אַ טיר פון גאַס. ביי ביידע זייטן טיר שולבענק. אין וואַנט — פענצטער. לינקס, כמעט אין דער גאַנצער לענג פון וואַנט, אַ ברייטער טיש, באַדעקט מיט אַ ווייסן טישטעך. אויפן טיש בערגלעך אָנגעשניטענע חלה אויף המוציא. אויבנאָן אַ פאָטעל. אין דער רעכטער וואַנט, נאָך דער אינעווייניקסטער טיר, אַ קליינער אָרון־קודש מיט אַן עמוד. אַנטקעגן זיי נישט קיין גרויסער טיש, אַ קאַנאַפּע, עטלעכע שטולן. שבת־צו־נאַכטס. באַלד נאָך מעריב. אין חדר זיינען חסידים. דער גבאי מ י כ א ל שטייט ביים טיש און לייגט־פונאַנדער די בערגלעך חלה. לעבן אָרון־קודש זיצט דער מ ש ו ל ח. אים רינגלט־אַרום אַן עדה חסידים. עטלעכע חסידים זיצן באַזונדער, קוקן־אַריין אין ספרים. ערשטער און צווייטער חסיד שטייען אין מיטן חדר ביים קליינעם טיש. פון די אינעווייניקסטע חדרים הערט זיך אַ שטיל געזאַנג: „גאָט פון אַברהם, פון יצחק און פון יעקב״.

**1טער חסיד:** דער אורח דערציילט עפּעס זייער וואונדערלעכע מעשיות... עס נעמט־אָן אַ פּחד. איך האָב מורא זיי צו הערן...

**2טער חסיד:** וואָס?

**1טער חסיד:** אין זיי זיינען דאָ טיפע רמזים, נישט צו פאַרשטיין... אין זיי מוז זיין עפּעס פון דעם בראַסלאַווערס שיטה... ווער ווייס...

**2טער חסיד:** עלטערע חסידים הערן, מסתמא איז נישטאָ קיין חשש.

גייען צום רעדל אַרום דעם מ ש ו ל ח.

**3טער חסיד:** דערציילט נאָך עפּעס!

**דער משולח:** שפּעט. די צייט איז קורץ.

**4טער חסיד:** נישקשה. דער רבי וועט נאָך נישט באַלד אַרויסגיין.

**דער משולח:** (דערציילט) אין עק וועלט איז דאָ אַ הויכער באַרג און אויף דעם באַרג ליגט אַ גרויסער שטיין, און פון דעם שטיין שלאָגט אַ לויטערער קוואַל. און אויף דעם אַנדערן עק וועלט געפינט זיך דאָס האַרץ פון דער וועלט. וואָרעם יעדע זאַך אין דער וועלט האָט איר האַרץ, און די וועלט אין גאַנצן האָט איין גרויס האַרץ. און דאָס האַרץ פון דער וועלט לאָזט נישט אַראָפּ





זיין בליק פון לויטערן קוואַל און קאָן זיך אויף אים זאַט נישט אָנקוקן, און עס בענקט, עס גלוסט, און ציט זיך דאַרשטיק צום לויטערן קוואַל, נאָר עס קאָן דעם קלענסטן טראָט צו אים נישט מאַכן, וואָרעם ווי דאָס האַרץ רירט זיך נאָר פון אָרט, פאַרלירט עס פון די אויגן דעם שפּיץ באַרג מיט דעם לויטערן קוואַל. און אַז דאָס האַרץ פון דער וועלט זעט נישט דעם לויטערן קוואַל כאָטש איין רגע, פאַרלירט עס דעם חיות. און צוגלייך מיט דעם הייבט־אָן שטאַרבן די וועלט. און דער לויטערער קוואַל האָט נישט קיין אייגענע צייט און ער לעבט מיט דער צייט, וואָס דאָס האַרץ פון דער וועלט שענקט אים. און דאָס האַרץ גיט אים נאָר איין טאָג. און אַז דער טאָג פאַרגייט, הייבט־אָן דער לויטערער קוואַל זינגען צו דעם האַרץ פון דער וועלט. און דאָס האַרץ פון דער וועלט זינגט צום לויטערן קוואַל. און זייער געזאַנג פאַרשפּרייט זיך איבער דער וועלט, און עס גייען־אַרויס פונעם געזאַנג לייכטנדיקע פעדעם און ציען זיך צו די הערצער פון אַלע זאַכן אין דער וועלט און פון איין האַרץ צום אַנדערן... און עס איז פאַראַן אַ רעכטפאַרטיקער און לייטזעליקער מאַן, וואָס גייט־אַרום איבער דער וועלט און קלייבט די ליכטיקע פעדעם פון די הערצער און וועבט פון זיי צייט. און אַז ער וועבט־אויס אַ גאַנצן טאָג, גיט ער אים אָפּ דעם האַרץ פון דער וועלט, און דאָס האַרץ פון דער וועלט גיט עס אָפּ דעם לויטערן קוואַל. און ער לעבט נאָך אַ טאָג...

**3טער חסיד:** דער רבי גייט!

אַלע ווערן אַנטשוויגן, הייבן זיך אויף — פון טיר, רעכטס, גייט־אַרויס ר׳ ע ז ר י א ל, אַ טיפער זקן אין אַ ווייסער זשופּיצע און אין אַ שטריימל.

**ר׳ עזריאל:** (גייט לאַנגזאַם, מיד און פאַרטראַכט צום טיש, לאָזט זיך שווער אַראָפּ אין פאָטעל. מ י כ א ל שטעלט זיך ביי זיין רעכטער האַנט. די חסידים זעצן זיך אַרום טיש. די עלטערע זעצן זיך אויף די בענק, די יינגערע שטייען הינטער זיי. מ י כ א ל טיילט חלה די חסידים. ר׳ ע ז ר י א ל הייבט־אויף דעם קאָפּ, הייבט־אָן שטיל מיט אַ ציטערדיקן קול זינגען: „דא היא סעודתא דדוד מלכא משיחא״. אַלע ענטפערן, מאַכן המוציא, מ׳הייבט־אָן זינגען שטיל אַ ניגון אָן ווערטער, אַ טרויעריק מיסטישן. פּויזע. ר׳ ע ז ר י א ל גיט אַ טיפן זיפץ, שפּאַרט־אונטער דעם קאָפּ מיט ביידע הענט און זיצט אַ ווײלע פאַרטיפט אין די געדאַנקען. עס הערשט אַן אימהדיקע שטילקייט. ר׳ עזריאל הייבט־אויף דעם קאָפּ און הייבט־אָן שטיל מיט אַ ציטערדיקן קול.) מ׳דערציילט וועגן בעל־שם הקדוש, זכותו יגן עלינו. (קליינע פּויזע) אַ מאָל זיינען געקומען אין מעזשיבוזש דייטשלעך, קונצנמאַכער, וואָס ברעכן זיך אין די גאַסן; האָבן זיי איבערגעצויגן איבער דער ברייט פון טייך אַ שטריק און איינער פון זיי איז געגאַנגען איבערן שטריק, איז מען זיך פון דער גאַנצער

שטאָט צונויפֿגעלאָפֿן צום טייך קוקן אויף דעם בייזוואונדער. איז דער בעל־שם הקדוש אויך אַרויס צום טייך און איז געשטאַנען מיט אַלעמען און האָט אויך געקוקט אויף דעם מענטשן, וואָס איז געגאַנגען איבערן שטריק. איז דאָס געווען פֿאַר די תלמידים אַ גרויסער וואונדער און זיי האָבן געפֿרעגט, וואָס דאָס באַדייט, וואָס ער איז געגאַנגען אַנקוקן די קונצן. האָט דער בעל־שם הקדוש זיי געענטפֿערט: „איך בין געגאַנגען אַנקוקן און זען, ווי אַזוי אַ מענטש גייט דאָס איבער אַ טיפֿן אָפּגרונט. און איך האָב געקוקט און געטראַכט: ווען דער מענטש וואָלט אַזוי פֿיל אַרבעטן איבער זיין נשמה, וויפֿל ער האָט געאַרבעט אויפֿן גוף, איבער וועלכע טיפֿע אָפּגרונטן וואָלט זי געקאָנט אַריבערגיין אויף דעם דינינקן שנירעלע פֿון לעבן!"

**1טער חסיד:** הויך ווי די וועלט!

**2טער חסיד:** פֿלאַי־פֿלאַים!

**3טער חסיד:** שופֿרא־דשופֿרא!

**ר' עזריאל:** (שטיל צו מיכאלן, וואָס בייגט זיך אָן צו אים) דאַ געפֿינט זיך אַ פֿרעמדער...

**מיכאל:** (קוקט זיך אום) דאָס איז אַ משולח, ווייזט־אויס, אַ בעל־מקובל...

**ר' עזריאל:** מיט וואָס פֿאַר אַ שליחות איז ער געקומען אַהער?

**מיכאל:** איך ווייס נישט. אפֿשר בעטן אים אַרויסגיין?

**ר' עזריאל:** חלילה. אדרבה, אַ נישט־היגן דאַרף מען אָפּגעבן כבוד. דערלאַנג אים אַ שטול. (מיכאל, אַ ביסל פֿאַרוואונדערט, דערלאַנגט דעם משולח אַ שטול. קיינער באַמערקט עס נישט. ר' עזריאל גיט אַ בליק אויף איינעם פֿון די חסידים. יענער זינגט אַ מיסטישן ניגון אָן ווערטער. פּויזע. ר' עזריאל ווי פֿריער) גאָטס וועלט איז גרויס און הייליק. דאָס הייליקסטע לאַנד אין דער וועלט איז ארץ־ישראל. אין ארץ־ישראל איז די הייליקסטע שטאָט ירושלים. אין ירושלים איז דאָס הייליקסטע אָרט געווען דער בית־המקדש. און אין בית־המקדש איז הייליקער פֿון אַלץ געווען דער קדשי־קדשים. (קליינע פּויזע) עס זיינען דאָ אויף דער וועלט זיבעציק אומות. דאָס הייליקסטע צווישן זיי איז דאָס פֿאָלק ישראל. אין פֿאָלק ישראל איז הייליקער פֿון אַנדערע דער שבט לוי. אין שבט לוי זיינען די הייליקסטע די כהנים. צווישן די כהנים איז דער הייליקסטער געווען דער כהן גדול (קליינע פּויזע) אין יאָר זיינען דאָ 354 טעג. צווישן זיי זיינען הייליק ימים־טובים. העכער פֿון זיי איז די הייליקייט פֿון שבתים. צווישן שבתים איז דער הייליקסטער יום־כיפּור, שבת־שבתון. (קליינע פּויזע) עס זיינען דאָ אין דער וועלט זיבעציק לשונות. דער הייליקסטער איז לשון־הקודש. הייליקער פֿאַר אַלץ איז אויף דעם לשון די הייליקע תורה, אין דער תורה איז דאָס הייליקסטע





די עשרת־הדברות. אין די עשרת־הדברות איז הייליקער פֿון אַלע ווערטער דער שם הויה. (קליינע פּויזע) און איין מאָל אין יאָר, אין אַ באַשטימטער שעה, פֿלעגן זיך די אַלע פֿיר העכסטע הייליקטומען פֿון דער וועלט צונויפֿקומען מיט אייניאַנדער. דאָס איז געווען יום־כיפּור, בשעת דער כהן־גדול פֿלעגט אַריין אין קדשי־קדשים און דאָרטן אַרויסריידן דעם שם המפֿורש — און ווייל אַט די שעה איז געווען אָן אָן ערך הייליק און פֿאַרכטיק, איז זי געווען די סכּנהדיקסטע, ווי פֿאַרן כהן־גדול, אַזוי פֿאַר דעם כלל־ישראל. וואָרעם ווען אין דער שעה וואָלט דעם כהן־גדול, חס־ושלום, אַריינגעפֿאַלן אין זינען אַ זינדיקער געדאַנק אָדער אַ מחשבה־זרה, וואָלט די וועלט חרוב געוואָרן. (פּויזע) יעדעס אָרט, וואָס אַ מענטש הייבט פֿון אים אויף דעם בליק צום הימל, איז קדשי־קדשים; יעדער מענטש, וועלכן גאָט האָט באַשאַפֿן בצלמו וכדמותו, איז אַ כהן־גדול; יעדער טאָג פֿון אַ מענטשנס לעבן איז יום־כיפּור און יעדעס וואָרט, וואָס אַ מענטש רעדט־אַרויס מיט תמימות, איז אַ שם הויה. און דערייבער — יעדע עבירה און יעדע עוולה, וואָס אַ מענטש טוט, ברענגט חורבן פֿון דער וועלט. (מיט אַ ציטערדיקן קול) מענטשלעכע נשמות — דורך גרויסע יסורים און פּיין, דורך פֿיל גילגולים ציען זיי זיך, ווי אַ קינד צו דער מוטערס ברוסט, צו זייער מקור, אין דער הייך צום כסא־הכבוד. נאָר עס טרעפֿט, אַז בעת אַ נשמה דערגרייכט שוין די גאָר הויכע מדרגות, איז מיט אַ מאָל גובר די קליפּה, חס־ושלום, און די נשמה ווערט געשטרויכלט און פֿאַלט. און וואָס העכער זי איז געווען אויפֿגעהויבן, אַלץ טיפֿער איז איר פֿאַלן. און אַז אַזאַ נשמה פֿאַלט, ווערט חרוב אַ וועלט, און עס ווערט פֿינצטער אין אַלע היכלות און עס קלאָגן אַלע צען ספֿירות. (פּויזע. ווי אויפֿוואַכנדיק) קינדער! היינט וועלן מיר מקצר זיין מיט דער מלווה־מלכּה.

אַלע, חוץ מיכאלן, גייען שטילערהייט אַרויס אונטער דעם איינדרוק פֿון געהערטן. קליינע פּויזע.

**מיכאל:** (גייט־צו צום טיש, נישט־זיכער) רבי! (ר' עזריאל קוקט אויף אים מיד און טרויעריק) רבי, עס איז געקומען סענדער בריניצער...

**ר' עזריאל:** (ווי ער וואָלט נאָכזאָגן) סענדער בריניצער... איך ווייס...

**מיכאל:** אים האָט געטראָפֿן אַ גרויס אומגליק. אין זיין טאָכטער איז אַריין אַ דיבוק, רחמנא לצלן.

**ר' עזריאל:** אַריין אַ דיבוק... איך ווייס...

**מיכאל:** ער האָט זי געבראַכט צו אייך...

**ר' עזריאל:** (ווי פֿאַר זיך) צו מיר?.. צו מיר?.. ווי האָט ער געקאָנט קומען צו מיר, אַז מיין „איך" איז גאָר נישטאָ...

**מיכאל:** רבי, צו אייך פֿאַרט אַ גאַנצע וועלט.

**ר' עזריאל:** אַ גאַנצע וועלט... אַ בלינדע וועלט... בלינדע שאָף גייען נאָך אַ בלינדן פּאַסטעך... ווען זיי וואָלטן ניט זיין בלינד, וואָלטן זיי געגאַנגען נישט צו מיר, נאָר צו יענעם, וועלכער קאָן זאָגן „איך", צום איינציקן „איך" אין דער וועלט.

**מיכאל:** רבי, איר זייט זיין שליח...

**ר' עזריאל:** דאָס זאָגט די וועלט, און איך ווייס נישט... שוין פערציק יאָר, ווי איך זיץ אויף דער שטול פון אַ רבין, און איך בין עד־היום ניט־זיכער, אַז איך בין גאָט ברוך־הוא'ס אַ שליח... פאַראַן צייטן, אַז איך פיל מיין נאָענטקייט צום כביכול, דעמאָלט זיינען ביי מיר נישטאָ קיין ספקות. דעמאָלט האָב איך אין זיך תקיפות, און איך האָב אַ שליטה איבער די הויכע עולמות. אָבער עס טרעפן צייטן, אַז איך פאַרליר מיין זיכערקייט. און דעמאָלט בין איך קליין און שוואַך ווי אַ קינד. דעמאָלט נייטיק איך זיך אַליין אין הילף...

**מיכאל:** רבי, איך געדענק... איין מאָל זייט איר צו מיר געקומען האַלבע נאַכט און געבעטן, איך זאָל מיט אייך זאָגן תהילים. מיר האָבן דעמאָלט די גאַנצע נאַכט געזאָגט תהילים און געוויינט...

**ר' עזריאל:** דאָס איז אַמאָל געווען. איצט איז מיר נאָך ערגער. (מיט אַ ציטערדיקן קול) וואָס וויל מען פון מיר? איך בין־אַלט און שוואַך. דער גוף דאַרף רו, די נשמה דאַרשט צו התבודדות. און צו מיר ציט זיך דער צער און די יסורים פון דער וועלט. יעדער קוויטל, וואָס מ'דערלאַנגט מיר, שטעכט מיך ווי אַ נאָדל אין לייב. איך האָב שוין מער קיין כוח נישט... איך קאָן נישט!..

**מיכאל:** (דערשראָקן) רבי! רבי!

**ר' עזריאל:** (כליפּעט) איך קאָן מער נישט! איך קאָן נישט!

וויינט.

**מיכאל:** רבי! איר טאָרט נישט פאַרגעסן, אַז גאַנצע דורות צדיקים און קדושי־עליון שטייען הינטער אייך. אייער פאָטער ר' איטשעלע, זכרונו לברכה, אייער זיידע דער אדמו"ר ר' וועלוועלע דער גרויסער, דעם בעל־שמס תלמיד...

**ר' עזריאל:** (קומט צו זיך. הייבט־אויף דעם קאָפּ) מיינע אָבות... מיין הייליקער פאָטער, וואָס האָט דריי מאָל געהאַט גילוי אליהו... דער פעטער, ר' מאיר־בער, וואָס פלעגט צו שמע ישראל אַרויפגיין אויפן הימל... דער זיידע, דער גרויסער ר' וועלוועלע, וואָס האָט מחיה מתים געווען. (גיט זיך אַ קער צו מיכאלן. אויפגעלעבט) ווייסט, מיכאל, דער זיידע, דער גרויסער ר' וועלוועלע פלעגט אַרויסטרייבן אַ דיבוק אָן שמות און השבעות, נאָר מיטן געשריי, מיט איין געשריי! אין אַ שווערער צייט ווענד איך זיך צו אים און





ער האַלט מיך אונטער. ער וועט מיך איצט אויך נישט פאַרלאָזן... רוף־אַריין סענדערן.

מיכאל גייט־אַרויס און קערט זיך אום מיט סענדערן.

**סענדער:** (אויסשטרעקנדיק די הענט מיט אַ וויינענדיקן געבעט) רבי! האָט רחמנות! העלפט מיר, ראַטעוועט מיין בת־יחידה!

**ר' עזריאל:** ווי אַזוי האָט זיך דאָס אומגליק געטראָפן?

**סענדער:** צום רעכטן באַדעקנס... ווי נאָר...

**ר' עזריאל:** (שלאָגט אים איבער) נישט דאָס פרעג איך. ווי אַזוי האָט זיך דאָס אומגליק געקאָנט טרעפן? אַ וואָרעם קאָן אַריינדרינגען אין אַ פרי נאָר דעמאָלט, ווען זי הייבט־אָן פוילן.

**סענדער:** רבי! מיין בת־יחידה איז אַ גאָטספאַרכטיקע יידישע טאָכטער. זי גייט מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגן און טרעט נישט אַרויס פון מיין ווילן.

**ר' עזריאל:** קינדער ווערן אָן אַנדערש מאָל געשטראָפט פאַר די זינד פון די עלטערן.

**סענדער:** ווען איך וואָלט וויסן אויף זיך אַ זינד, וואָלט איך תשובה טאָן...

**ר' עזריאל:** האָט מען געפרעגט דעם דיבוק, ווער ער איז און פאַרוואָס ער איז אַריין אין דיין טאָכטער?

**סענדער:** ער ענטפערט נישט. נאָר נאָכן קול האָט מען אים דער־קענט אַ בחור פון אונדזער ישיבה, וואָס איז מיט עטלעכע חדשים פריער פּלוצלינג געשטאָרבן אין שול. ער האָט זיך געפּאַרעט אין קבלה־מעשיות און איז ניזוק געוואָרן.

**ר' עזריאל:** דורך וועלכע כוחות?

**סענדער:** מע זאָגט, דורך די נישט־גוטע... עטלעכע שעה פאַרן טויט האָט ער געזאָגט זיינעם אַ חבר, אַז מ'דאַרף נישט מלחמה האַלטן מיט זינד און אַז אין דער סטרא־אַחרא, רחמנא לצלן, איז דאָ אַ ניצוץ פון קדושה. ער האָט נאָך געוואָלט דורך כישוף באַקומען צוויי פעסלעך גאָלד...

**ר' עזריאל:** דו האָסט אים געקענט?

**סענדער:** יאָ... ער האָט ביי מיר געגעסן טעג.

**ר' עזריאל:** (קוקט אויפמערקזאַם אויף סענדערן) האָסט אים אפשר מיט עפּעס מצער געווען, מבייש געווען? דערמאָן זיך.

**סענדער:** איך ווייס נישט... איך געדענק נישט! (מיט פאַרצווייפלונג) רבי, איך בין דאָך נישט מער ווי אַ מענטש.

פויזע.

**ר' עזריאל:** פירט־אַריין די בתולה.

סענדער גייט־אַרויס און קערט זיך גלייך אום מיט פראַ־ דען, פירנדיק פאַר די הענט לאהן. זי שפּאַרט זיך איין ביי דער שוועל און וויל נישט גיין.

**סענדער:** (מיט געוויין) טאַכטערל, האָב רחמנות, זיי מיך נישט מבייש פאַרן רבין. גיי־אַריין.

**פראַדע:** גיי־אַריין, לאהלע, גיי־אַריין, טייבעלע!

**לאה:** איך וויל אַריין, נאָר איך קאָן נישט!

**ר' עזריאל:** בתולה! איך באַפעל דיר אַריינגיין. (לאה טרעט־איבער די שוועל און גייט צום טיש) זעץ זיך.

**לאה:** (זעצט זיך געהאָרכזאַם. מיט אַ מאָל שפּרינגט זי אויף פון אָרט און שרייט נישט מיט איר קול) לאָזט מיך! איך וויל נישט!

זי וויל לויפן, סענדער און פראַדע האַלטן זי איין.

**ר' עזריאל:** דיבוק, איך בין גוזר אויף דיר, זאָלסט זאָגן, ווער דו ביסט.

**לאה (דיבוק):** מיראָפּאָליער רבי! איר ווייסט אַליין ווער איך בין און פאַר אַנדערע וויל איך מיין נאָמען נישט אַנטפּלעקן.

**ר' עזריאל:** איך פרעג נישט דיין נאָמען, איך פרעג ווער ביסטו?

**לאה (דיבוק):** (שטיל) איך בין פון די, וואָס האָבן געזוכט נייע וועגן...

**ר' עזריאל:** נייע וועגן זוכט יענער, ווער עס האָט פאַרלוירן דעם גלייכן וועג.

**לאה (דיבוק):** ער איז צו ענג...

**ר' עזריאל:** דאָס האָט שוין געזאָגט איינער, וואָס האָט זיך נישט אומגעקערט צוריק. (פויזע) פאַרוואָס ביסטו אַריין אין דער בתולה?

**לאה (דיבוק):** איך בין איר באַשערטער.

**ר' עזריאל:** נאָך אונדזער הייליקער תורה טאָר אַ מת נישט געפינען זיך אין דער סביבה פון לעבעדיקע.

**לאה (דיבוק):** איך בין נישט געשטאָרבן.

**ר' עזריאל:** דו ביסט אַוועק פון אונדזער וועלט און טאָרסט זיך אַהער נישט אומקערן ביז מע וועט בלאָזן אין גרויסן שופר. דעריבער בין איך גוזר אויף דיר, דו זאָלסט פאַרלאָזן דעם גוף פון דער בתולה, כדי עס זאָל נישט פאַרוועלקט ווערן אַ לעבעדיקער צווייג פון אייביקן בוים פון פאָלק ישראל.

**לאה (דיבוק):** (שרייט) מיראָפּאָליער רבי! איך ווייס, ווי שטאַרק און אַלמעכטיק איר זייט! איך ווייס, אַז איר קאָנט באַפעלן מלאכים און שרפים. אָבער מיט מיר וועט איר גאָרנישט מאַכן. איך האָב נישט וואוהין צו גיין! פאַר מיר זיינען פאַרצוימט אַלע וועגן און פאַרשלאָסן אַלע שטעגן און פון אַלע





זייטן לויערן אויף מיר בייזע רוחות, גרייטע מיך איינצושלינגען. (מיט אַ ציטערדיקן קול) עס איז דאָ הימל און ערד, עס זיינען דאָ אָן אַ צאָל וועלטן און נישט אין איינעם פון זיי האָט זיך נישט געפונען קיין אָרט פאַר מיר. און איצט, אַז מיין פאַרביטערטע, פאַריאָגטע נשמה האָט געפונען איר רו, ווילט איר מיך אַרויסטרייבן פון דאָרטן. האָט רחמנות, יאָגט מיך נישט, פאַרשווערט מיך נישט.

**ר' עזריאל:** פאַרוואָגלטע נשמה! איך בין דורכגעדרונגען מיט אַ טיפן רחמנות צו דיר און וועל זיך מיען אויסלייזן דיך פון די מלאכי־חבלה. אָבער פון דעם גוף פון דער בתולה מוזסטו אַרויסגיין.

**לאה (דיבוק):** (אַנטשיידן) איך וועל נישט אַרויסגיין.

**ר' עזריאל:** מיכאל, רוף־אַריין פון קלויז אַ מנין יידן. (מיכאל גייט־אַרויס און קערט זיך באַלד אום. נאָך אים גייען־אַריין צען יידן, שטעלן זיך אין אַ זייט) עדה קדושה! גיט איר מיר רשות אין אייער נאָמען און מיט אייער מאַכט אַרויסצוטרייבן פון אַ גוף פון אַ יידישער טאָכטער אַ רוח, וואָס וויל נישט אַרויס מיט גוטן?

**אַלע צען יידן:** רבי! מיר גיבן אייך רשות, אין אונדזער נאָמען און מיט אונדזער מאַכט, אַרויסצוטרייבן פון גוף פון אַ יידישער טאָכטער אַ רוח, וואָס וויל נישט אַרויס מיט גוטן.

**ר' עזריאל:** (הייבט זיך אויף) דיבוק! נשמה פון אַ מענטשן, וואָס איז אַוועק פון אונדזער וועלט, אין נאָמען און מיט דער מאַכט פון אַ הייליקער עדה יידן בין איך, עזריאל בן הדס, גוזר אויף דיר, דו זאָלסט פאַרלאָזן דעם גוף פון דער בתולה לאה בת חנה און זאָלסט אַרויסגייענדיק נישט מזיק זיין, נישט זי, נישט קיין שום לעבעדיקע באַשעפעניש... אויב דו וועסט נישט מקיים זיין מיין באַפעל, וועל איך אַרויסטרעטן אַנטקעגן דיר מיט קללות און חרמות, מיט השבעות און נדויים, מיט דער גאַנצער מאַכט פון מיין אויס־געשפּרייטן אָרעם. ווען אָבער דו וועסט פאָלגן מיין באַפעל, וועל איך אָנווענדן אַלע כוחות מתקן זיין דיין נשמה און אָפּטרייבן די בייזע רוחות און מחבלים, וואָס רינגלען דיך אַרום...

**לאה (דיבוק):** (שרייט) איך פאַרכט מיך נישט פאַר אייערע קללות און חרמות און גלייב נישט אין אייערע הבטחות! עס איז נישטאָ קיין כוח אין דער וועלט, וואָס זאָל מיר קאָנען העלפן! עס געפינט זיך נישט אַזאַ העכסטע היך, וואָס זאָל זיך גלייכן צו מיין איצטיקן רו־אָרט, און עס איז נישטאָ אַזאַ פינצטערער תהום ווי דער וואָס דערוואַרט מיך! איך וועל נישט אַרויסגיין!

**ר' עזריאל:** אין נאָמען פון אַלמעכטיקן גאָט באַשווער איך דיך דאָס

לעצטע מאָל און באַפעל דיר אַרויסגיין. ווען נישט — בין איך דיך מחרים און גיב דיך איבער אין די הענט פון די מלאכי־חבלה!

אַ שרעקנדיקע פּויזע.

**לאה (דיבוק):** אין נאָמען פון אַלמעכטיקן גאָט בין איך באַהעפט מיט מיין באַשערטער און וועל זיך מיט איר נישט שיידן ביז אייביק.

**ר' עזריאל:** מיכאל, הייס אַריינטראָגן פאַר אַלעמען, וואָס געפינען זיך דאָ, ווייסע קיטלען. ברענג זיבן שופרות, זיבן שוואַרצע ליכט. נאָך דעם נעם־אַרויס פון אָרון־קודש זיבן ספרי־תורה...

אַ שרעקעדיקע פּויזע, בשעת וועלכער מיכאל גייט־אַרויס און קערט זיך אום מיט שופרות און שוואַרצע ליכט. נאָך אים גייט־אַריין דער משולח מיט קיטלען.

**דער משולח:** (ציילט די קיטלען) עס איז דאָ איין איבעריקער קיטל. (קוקט זיך אום) אפשר פעלט דאָ עמעצער אין חדר?

**ר' עזריאל:** (אומרואיק, ווי דערמאָנענדיק זיך) כדי צו מחרים זיין אַ יידישע נשמה, דאַרף מען דאָך נעמען רשות פון דעם שטאָט־רב... מיכאל, באַהאַלט דערווייל די שופרות, די ליכט און די קיטלען... מיכאל, נעם מיין שטעקן און גיי צום רב ר' שמשון און בעט אים אין מיין נאָמען קומען אַהער תיכף ומיד. (עס פאַרנעמט מיכאל די שופרות און ליכט און גייט צוזאַמען מיטן משולח, וואָס טראָגט די קיטלען אַרויס. ר' עזריאל צו די צען מענטשן) איר קענט דערווייל אַרויסגיין. (זיי גייען־אַרויס. פּויזע. ר' עזריאל הייבט־אויף דעם קאָפּ) סענדער! וואו זיינען פאַרבליבן די מחותנים מיט דעם חתן?

**סענדער:** זיי זיינען פאַרבליבן אויף שבת ביי מיר אין בריניץ.

**ר' עזריאל:** שיק אַ רייטער אָנזאָגן זיי אין מיין נאָמען, אַז זיי זאָלן דאָרט פאַרבלייבן און וואַרטן אויף מיין באַפעל.

**סענדער:** איך שיק גלייך אַ רייטער.

**ר' עזריאל:** דערווייל קאָנט איר אַרויסגיין און אַרויספירן די בתולה אין צווייטן חדר.

**לאה:** (וואַכט־אויף, מיט איר קול, ציטערדיק) באַבע! איך האָב מורא... וואָס וויל מען מיט אים טאָן? וואָס וויל מען טאָן מיט מיר?

**פראַדע:** האָב קיין מורא נישט, מיין קינד! דער רבי וויס, וואָס ער טוט. ער וועט קיין בייז נישט טאָן. דער רבי קאָן קיין בייז נישט טאָן.

זי און סענדער פירן־אַרויס לאהן אין צווייטן חדר.

**ר' עזריאל:** (זיצט טיף פאַרזונקען אין די רעיונות. ווי אויפוואַכנדיק) און ווען אַפילו אין די הויכע עולמות האָט מען גוזר געווען אַנדערש, וועל איך ברעכן דעם גזר־דין!





**ר' שמשון:** גוט־וואָך, רבי!

**ר' עזריאל:** (הייבט זיך אויף אים אַנטקעגן) גוט־וואָך, גוט־יאָר, רבי! זיצט! (ר' שמשון זעצט זיך) איך האָב אייך מטריח געווען צוליב זייער אַ וויכטיקן ענין. אין אַ יידישער טאָכטער איז אַריין אַ דיבוק, רחמנא לצלן, און וויל בשום־אופן נישט אַרויס. עס איז געבליבן דאָס לעצטע מיטל — אַרויסטרייבן אים מיט חרמות און נדויים. בעט איך אייער באַוויליקונג אויף דעם, און די מצווה פון פקוח־נפש וועט איך ביישטיין.

**ר' שמשון:** (זיפצט) אַ חרם איז אַ האַרבע שטראָף פאַר אַ לעבעדיקן, בפרט פאַר אַ טויטן... נאָר ווי באַלד קיין אַנדער מיטל איז נישטאָ און אַזאַ געטלעכער מענטש, ווי איר, געפינט עס פאַר נייטיק, גיב איך מיין הרשאה... אָבער פריער מוז איך אייך, רבי, אַנטפּלעקן אַ סוד, וואָס האָט אַ שייכות צום ענין.

**ר' עזריאל:** אדרבה.

**ר' שמשון:** איר געדענקט, רבי, מיט אַ יאָר צוואַנציק צוריק פלעגט צו אייך פאָרן פון בריניץ אַ יונגערמאַן, אַ חסיד און אַ מקובל, ניסן רבקהס.

**ר' עזריאל:** ער איז אָפּגעפאָרן אין מרחקים און דאָרט יונגערהייט געשטאָרבן.

**ר' שמשון:** יאָ... איז אָט דער ניסן רבקהס געקומען צו מיר די נאַכט דריי מאָל צו חלום און געפאָדערט, איך זאָל אַרויסרופן סענדער ברינ־יצער צו אַ דין־תורה מיט אים.

**ר' עזריאל:** וואָס פאַר אַ תביעות האָט ער צו סענדערן?

**ר' שמשון:** דאָס האָט ער נישט געזאָגט. ער האָט נאָר געטענהט, אַז סענדער האָט פאַרגאָסן זיין בלוט.

**ר' עזריאל:** אַז אַ ייד מאָנט דעם אַנדערן צו אַ דין־תורה, טאָר זיך אַ רב, פאַרשטייט זיך, נישט אָפּזאָגן. בפרט אַז עס רופט־אַרויס אַ מת. וואָס קאָן מאָנען צום בית־דין של מעלה... נאָר וואָס פאַר אַ שייכות האָט דאָס צום דיבוק?

**ר' שמשון:** עס האָט אַ שייכות... איך האָב געהערט, אַז דער געשטאָר־בענער בחור, וואָס איז אַריין ווי אַ דיבוק אין סענדערס טאָכטער, איז געווען ניסן־רבקהס אַ זון... מ'דערציילט נאָך וועגן עפּעס אַ התחייבות, וואָס סענדער האָט געהאַט אַנטקעגן ניסנען און נישט אויסגעפילט...

**ר' שמשון:** אַזוי ווי אַ דין־תורה צווישן אַ לעבעדיקן מיט אַ טויטן איז זייער אַ האַרבע און אַ נישט־געוויינטלעכע, וואָלט איך בעטן אייך, רבי, איר זאָלט באַוויליקן זיין דער ראש־הדיינים און אָנפירן די דין־תורה.

**ר' עזריאל:** איך בין מסכים. מיכאל! (עס גייט־אַריין מיכאל) הייס אַריינפירן די בתולה. (עס קומען־אַריין סענדער און פראַדע פירנדיק

לאָהן, וואָס זיצט מיט געשלאָסענע אויגן) דיבוק, איך גיב דיר צייט אַ האַלבן מעת־לעת, ביז מאָרגן האַלבן טאָג. אויב דו וועסט צו דער באַשטימטער צייט נישט אַרויסגיין מיט גוטן ווילן, וועל איך דיך, מיט דעם רשות פון דעם מרא־דאַתרא, אַרויסציען מיט געוואַלט דורך אַ האַרבן חרם. (פּויזע. סענדער און פראַדע ווילן לאָהן אַרויספירן) סענדער, דו פאַרבלייב נאָך דאָ. (באַלד פירט פראַדע אַרויס לאָהן) סענדער! דו געדענקסט דיין אַמאָליקן חבר ניסן רבקהס?

**סענדער:** (דערשראָקן) ניסן רבקהס?.. ער איז דאָך געשטאָרבן...

**ר' עזריאל:** זיי וויסן, אַז די נאַכט איז ער דריי מאָל געקומען צום מרא־דאַתרא צו חלום און האָט געפאָדערט, ער זאָל אַרויסרופן דיך אויף אַ דין־תורה מיט אים.

**סענדער:** (דערשיטערט) מיך אויף אַ דין־תורה?.. ווי איז מיר!.. וואָס וויל ער פון מיר?.. וואָס טוט מען, רבי?

**ר' עזריאל:** איך ווייס נישט, אין וואָס ער באַשולדיקט דיך, נאָר אָננעמען די דין־תורה מוזסטו.

**סענדער:** איך וועל טאָן ווי איר הייסט.

**ר' עזריאל:** (מיט אַן אַנדער טאָן) תיכף־ומיד שיק אין בריניץ די פלינקסטע פערד נאָך די מחותנים מיטן חתן, זיי זאָלן קומען אָהער מאָרגן פאַר האַלבן טאָג, כדי אַז גלייך ווי דער דיבוק וועט אַרויס זאָל מען שטעלן די חופה.

**סענדער:** רבי! אפשר וועלן זיי נישט וועלן איצט מיט מיר זיך מתחתן זיין און וועלן נישט וועלן קומען.

אין טיר ווייזט זיך דער משולח.

**ר' עזריאל:** (מיט תקיפות) זאָל מען זיי זאָגן, אַז איך האָב באַפוילן... נאָר זע, דער חתן זאָל קומען בייצייטנס.

**דער משולח:** דער חתן וועט קומען בייצייטנס.

דער זייגער שלאָגט צוועלף.

פאָרהאַנג





# פערטער אַקט

דער זעלביקער צימער וואָס אין דריטן אַקט. אָנשטאָט דעם לאַנגן טיש, לינקס, אַ ניט־גרויסער טיש, נענטער צו דער ראַמפּע. פאַר אים אין אַ פאָטעל און אויף צוויי שטולן זיצן: ר' עזריאל אין טלית און תפילין און ביידע דיינים. בייס טיש שטייט ר' שמשון. פון דער ווייטנס מיכאל. מע פאַרענדיקט מטיב חלום זיין.

**ר' שמשון:** חלמא טבא חזאי, חלמא טבא חזאי, חלמא טבא חזאי!

**ר' עזריאל, 1טער און 2טער דיינים:** (צוזאַמען) חלמא טבא חזית, חלמא טבא חזית, חלמא טבא חזית!

**ר' עזריאל:** רבי! מיר האָבן פּותר געווען אייער חלום צום גוטן. איצט זעצט זיך מיט אונדז ווי אַ שופט. (ר' שמשון זעצט זיך צום טיש, לעבן ר' עזריאלן) איצט וועלן מיר שיקן אָנזאָגן דעם מת, ער זאָל קומען צו דער דין־תורה. נאָר פריער וועל איך אַפצוימען פאַר אים אַ ראָנד, פון וועלכן ער זאָל קיין רשות נישט האָבן אַרויסצוטרעטן. מיכאל, דערלאַנג מיר מיין שטעקן! (מיכאל דערלאַנגט דעם שטעקן. ר' עזריאל שטייט־אויף פון אָרט און מאַכט אין לינקן ווינקל פון חדר מיטן שטעקן אַ קיילעכדיקן ראָנד, פון לינקס אויף רעכטס. זעצט זיך צוריק צום טיש) מיכאל, נעם מיין שטעקן און גיי אויפן בית־עולם, און אַז דו וועסט אַרויפגיין אויפן בית־עולם מאַך־צו די אויגן און שאַר פאַר זיך מיטן שטעקן, און ביי דעם ערשטן קבר, ביי וועלכן דער שטעקן וועט זיך אָפּהאַלטן, שטעל זיך אָפּ, און גיב אַ קלאַפּ מיטן שטעקן איבערן קבר דריי מאָל און זאָג בזה הלשון: מת־טהור! עזריאל, דער זון פון דעם גרויסן צדיק ר' איטשעלע מיראָפּאָליער, האָט מיך געשיקט בעטן דיך מחילה, וואָס ער שטערט דיין רו און באַפעלט דיר, דו זאָלסט דורך וועגן, וואָס זיינען דיר באַוואוסט, אָנזאָגן דעם מת־טהור ניסן בן רבקה, אַז דער בית־דין־צדק פון מיראָפּאָליע רופט אים אַרויס תיכף־ומיד אויף אַ דין־תורה און הייסט אים קומען אין די בגדים, אין וועלכע ער איז געקומען צו קבר־ישראל. זאָלסט דאָס איבערחזרן דריי מאָל. נאָך דעם קער זיך אום און גיי צוריק, און נישט קוק זיך אום, וואָס פאַר אַ געשרייען, קולות און רופעניש דו זאָלסט נישט הערן הינטער זיך, און נישט לאָז אַרויס פון האַנט מיין שטעקן נישט אויף איין רגע, אַז נישט — ביסטו אין אַ גרויסער סכנה. גיי, און גאָט זאָל דיך היטן, וואָרעם די וואָס ווערן געשיקט וועגן אַ מצווה־ענין ווערן נישט

גענויזוקט... גיי, נאָר פריער שיק־אַריין צוויי מענטשן מאַכן אַ מחיצה פאַרן מת. (עס גייט־אַרויס מיכאל און עס גייען־אַריין צוויי מענטשן מיט אַ ליילעך, מיט וועלכן זיי פאַרהענגען ביז דער ערד דאָס גאַנצע לינקע ווינקל און גייען־אַרויס) רופט־אַריין סענדערן. (ער גייט־אַריין) סענדער, האָסטו מקיים געווען, וואָס איך האָב דיר באַפוילן? האָסטו געשיקט פערד נאָך די מחותנים מיטן חתן?

**סענדער:** איך האָב געשיקט די פלינקסטע פערד, נאָר די מחותנים זיינען נאָך נישט געקומען.

**ר׳ עזריאל:** שיק זיי אַנטקעגן אַ רייטער, זיי זאָלן פאָרן וואָס גיכער.

**סענדער:** איך וועל עס טאָן.

פויזע.

**ר׳ עזריאל:** סענדער! מיר האָבן געשיקט אָנזאָגן דעם מת־טהור ניסן בן רבקה, אַז דער בית־דין רופט אים אַרויס אויף אַ דין־תורה מיט דיר. נעמסטו אָן אונדזער משפט?

**סענדער:** איך נעם אים אָן.

**ר׳ עזריאל:** וועסטו מקיים זיין אַלץ, וואָס מיר וועלן באַשטימען?

**סענדער:** איך וועל מקיים זיין.

**ר׳ עזריאל:** גיי־אָפּ און שטעל זיך רעכטס.

**סענדער:** רבי! איך האָב זיך דערמאָנט... ניסן רבקהס מוז מיך אַרויסרופן צו אַ דין־תורה וועגן אַ תקיעת־כּף, וואָס איז געווען צווישן אונדז... נאָר איך בין אין דעם ניט־שולדיק...

**ר׳ עזריאל:** דאָס וועסטו דערציילן שפּעטער, אַז דער בעל־תביעה וועט אַרויסזאָגן זיינע תביעות. (פויזע) באַלד וועט זיך באַוויזן צווישן אונדז אַ מענטש פון דער אמתער וועלט, כּדי מיר זאָלן אים משפּטן מיט אַ מענטשן פון אונדזער עולם הדמיון. (פויזע) אַזאַ דין־תורה באַווייזט, אַז די דינים פון דער הייליקער תורה הערשן איבער אַלע וועלטן און איבער אַלע באַשעפענישן און זיינען אַ חוב, אי פאַר לעבעדיקע, אי פאַר טויטע. (פויזע) אַזאַ דין־תורה איז זייער האַרב און פאַרכטיק. אויף איר ווערט געקוקט פון אַלע היכלות. און ווען דער בית־דין זאָל חס־ושלום אויף אַ האָר אָפּטרעטן פון דין, ווערט אַ רעש אין בית־דין של מעלה. דערפאַר דאַרף מען צו אַזאַ משפט צוטרעטן מיט אימה און פחד... אימה... און פחד...

קוקט זיך אומרואיק אַרום, שטעלט זיך אָפּ מיטן בליק אויפן פאַרהאַנג און ווערט אַנטשוויגן. אַ שרעקנדיקע שטילקייט.

**1טער דיין:** (צום צווייטן, שטיל, דערשראָקן) דוכט זיך, ער איז דאָ...

**2טער דיין:** (אינעם זעלביקן טאָן) ער איז, דוכט זיך, דאָ...

**ר׳ שמשון:** ער איז דאָ...





**ר׳ עזריאל:** מת־טהור, ניסן בן רבקה, דער בית־דין־צדק איז גוזר אויף דיר, דו זאָלסט נישט אַרויסטרעטן פון דעם ראַנד און פון דער מחיצה, וואָס עס איז פאַר דיר געמאַכט. (פויזע) מת־טהור, ניסן בן רבקה, דער בית־דין־צדק באַפעלט, דו זאָלסט זאָגן, וואָס פאַר אַ טענות ותביעות דו האָסט צו סענדער בן העניע?

שרעקנדיקע פויזע. אַלע הערן זיך צו ווי פאַרשטיינערט.

**1טער דיין:** (ווי פריער) דוכט זיך, ער ענטפערט...

**2טער דיין:** דוכט זיך, ער ענטפערט...

**1טער דיין:** איך הער אַ קול, נאָר קיין ווערטער הער איך נישט.

**2טער דיין:** איך הער ווערטער, נאָר קיין קול הער איך נישט...

**ר׳ שמשון:** (צו סענדערן) סענדער בן העניע! דער מת־טהור ניסן בן רבקה טענהט און זאָגט, אַז אין דער יוגנט זייט איר געווען חברים אין איין ישיבה און אייערע נשמות האָבן זיך פאַרקניפּט דורך אַנאַנדער אין אַ געטרייער פריינדשאַפט. איר האָט ביידע אין איין וואָך חתונה געהאַט. נאָך דעם, אַז איר האָט זיך געטראָפן אויף ימים־נוראים ביים רבין, האָט איר אָפּגעמאַכט מיט אַ תקיעת־כּף, אַז אויב אייערע ווייבער וועלן פאַרנומען ווערן און טראָגן און וועלן געבוירן איינע אַ יינגל, די אַנדערע אַ מיידל, וועט איר זיך מתחתן זיין.

**סענדער:** (מיט אַ ציטערדיקן קול) יאָ, דאָס איז אַזוי געווען.

**ר׳ שמשון:** דער מת־טהור ניסן בן רבקה דערציילט ווייטער, אַז אין גיכן איז ער אַוועקגעפאָרן אין מרחקים. דאָרט האָט זיין ווייב געבוירן אַ זון אין דער זעלביקער צייט וואָס דיין ווייב האָט געבוירן אַ טאָכטער. באַלד נאָך דעם איז ער אַליין נפטר געוואָרן. (קליינע פויזע) אין דער אמתער וועלט האָט ער זיך דערוואוסט, אַז זיין זון איז געבענטשט מיט אַ הויכער נשמה און ער שטייגט פון איין מדרגה אויף דער אַנדערער. און זיין פאָטער־האַרץ האָט זיך געפרייט און געגרייסט. און ער האָט ווייטער געזען, אַז ווען זיין זון איז געוואָרן עלטער, האָט ער זיך געלאָזן איבער דער וועלט און איז געוואַנגען פון אָרט צו אָרט, פון לאַנד צו לאַנד, פון שטאָט צו שטאָט, וואָרעם זיין נשמה האָט זיך געצויגן צו זיין באַשערטער. און ער איז געקומען אין דער שטאָט, וואו דו וואוינסט, און איז אַריין צו דיר אין הויז, געזעצט זיך ביי דיין טיש, און זיין נשמה האָט זיך באַהעפט אין דער נשמה פון דיין טאָכטער. נאָר דו ביסט געווען רייך, און ניסנס זון איז געווען אָרעם. און דו האָסט אָפּגעקערט דיין בליק פון אים און ביסט געגאַנגען זוכן פאַר דיין טאָכטער שידוכים פון הויכן יחוס און מיט פיל נדן. (קליינע פויזע) און ניסן האָט ווייטער געזען, אַז זיין זון פאַלט־אַריין אין יאוש. און איז אַוועק וואַנדערן איבער דער וועלט זוכן נייע וועגן. און דעם פאָטערס נשמה האָט זיך דורכגעדרונגען מיט אומרו און טרויער. און די שוואַרצע מאַכט, דערזעענדיק דעם יאוש פון בחור, האָט

אויסגעשפּרייט פאַר אים אירע נעצן און האָט אים געפאַנגען און צוגענומען פאַר דער צייט פון דער וועלט, און זיין נשמה האָט געבלאָנדזשעט ביז זי איז אַריין ווי אַ דיבוק אין גוף פון זיין באַשערטער. (קליינע פּויזע) ניסן בן רבקה זאָגט: מיט דעם זונס טויט איז ער געוואָרן אָפּגעשניטן פון ביידע וועלטן, געבליבן אָן אַ נאָמען און אָן אַ געדעכעניש, אָן אַ יורש און אָן אַ קדיש. עס איז פאַרלאָשן געוואָרן אויף אייביק זיין ליכט, און די קרוין פון זיין קאָפּ האָט זיך אַראָפּגעקייקלט אין אָפּגרונט. און ער בעט דעם בית־דין־צדק, ער זאָל משפּטן סענדער על־פּי־דין פון אונדזער הייליקער תורה פאַר דער פאַרגיסונג פון בלוט פון ניסנס זון און דעם זונס קינדער און קינדס־קינדער עד סוף כל הדורות.

שרעקנדיקע שטילקייט. סענדער בליפּעט.

**ר׳ עזריאל:** סענדער בן העניע! האָסט געהערט די טענות פונעם מת־טהור ניסן בן רבקה? וואָס קאָנסטו אויף זיי ענטפערן?

**סענדער:** איך קאָן נישט עפענען דאָס מויל און האָב נישט קיין ווער־טער צו פאַרענטפערן זיך. נאָר איך בעט מיין אַלטן חבר, ער זאָל מיר מוחל זיין מיין זינד, וואָרעם נישט פון בייזן ווילן בין איך עס באַגאַנגען. באַלד נאָך אונדזער תקיעת־כף איז ניסן אַוועקגעפאָרן און איך האָב נישט געוואוסט, צי זיין ווייב האָט געבוירן אַ קינד און וואָס פאַר אַ קינד. נאָך דעם האָב איך זיך דערוואוסט, אַז ער איז געשטאָרבן. מער קיין ידיעות האָב איך וועגן זיין געזינד נישט געהאַט און האָב ביסלעכווייז פאַרגעסן וועגן דעם.

**ר׳ עזריאל:** פאַרוואָס האָסטו זיך נישט נאָכגעפרעגט? נישט אויסגע־פאָרשט דעם ענין?

**סענדער:** געוויינטלעך מאַכט דעם חתנס צד דעם ערשטן שריט. האָב איך גערעכנט, אַז אויב ביי ניסנען וואָלט געבוירן ווערן אַ זון, וואָלט ער מיר מודיע געווען.

פּויזע.

**ר׳ שמשון:** ניסן בן רבקה פרעגט, פאַרוואָס אַז זיין זון איז אַריין צו דיר אין הויז און געזעצט זיך ביי דיין טיש, האָסטו אים קיינמאָל נישט גע־פרעגט ווער ער איז און פון וואַנען ער שטאַמט?

**סענדער:** איך ווייס נישט... איך געדענק נישט... נאָר איך שווער, אַז מיך האָט שטענדיק געצויגן נעמען דעם בחור פאַר אַן איידעם. דערפאַר האָב איך ביי יעדן פאַרגעלייגטן שידוך געשטעלט אַזעלכע שווערע תנאים, אַז די מחותנים זיינען אויף זיי נישט איינגעשטאַנען; אויף אַזאַ אופן זיינען זיך דריי שידוכים פונאַנדערגעגאַנגען. נאָר די קרובים זיינען צוגעשטאַנען...

פּויזע.





**ר׳ שמשון:** ניסן בן רבקה זאָגט, אַז דו האָסט טיף אין האַרצן דערקענט זיין זון און האָסט מורא געהאַט פרעגן ווער ער איז. דו האָסט געזוכט פאַר דיין טאָכטער אַ רייך און אַ זאַט לעבן און האָסט איבער דעם אַראָפּגעשטויסן זיין זון אין אָפּגרונט.

סענדער וויינט שטיל, פאַרדעקנדיק דאָס פּנים. שווערע פּויזע.

עס גייט־אַריין מיכאל, גיט־אָפּ ר׳ עזריאלן דעם שטעקן.

**ר׳ עזריאל:** (רעדט שטיל מיט ר׳ שמשונען און די דיינים. הייבט זיך אויף, נעמט דעם שטעקן אין האַנט) דער בית־דין־צדק האָט אויסגעהערט ביידע צדדים און טראָגט־אַרויס אַזאַ פּסק־דין: היות ווי עס איז נישט באַ־וואוסט, צי ביים תקיעת־כף צווישן ניסן בן רבקה און סענדער בן העניע זיינען זייערע ווייבער שוין געווען פאַרנומען אין טראָגן און היות ווי לויט אונדזער הייליקער תורה האָט נישט קיין ממשות אַן אָפּמאַך וועגן אַ זאַך, וואָס איז נאָך נישט באַשאַפן געוואָרן, קאָנען מיר נישט באַשטימען, אַז סענדער איז מחויב געווען מקיים זיין דעם תקיעת־כף. נאָר אַזוי ווי אין די היכלות האָט מען אָנגענומען דעם תקיעת־כף און מען האָט איינגעפּלאַנצט ביי ניסן בן רבקהס זון אין האַרצן די מחשבה, אַז סענדער בן העניעס טאָכטער איז זיין באַשערטע, און אַזוי ווי דורך סענדערס ווייטערדיקער אויפפירונג זיינען פאַרגעקומען גרויסע אומגליקן פאַר ניסן בן רבקה און זיין זון — איז דער בית־דין־צדק גוזר, אַז סענדער זאָל אָפּגעבן אַ העלפט פון זיין פאַרמעגן אָרעמעלייט און זאָל זיין גאַנץ לעבן שטעלן יאָרצייט און זאָגן קדיש נאָך ניסן בן רבקה און נאָך זיין זון, ווי נאָך אייגענע קינדער. (פּויזע) דער בית־דין־צדק בעט דעם מת־טהור ניסן בן רבקה, ער זאָל מוחל זיין סענדערן במחילה גמורה. און נאָך בעט ער אים, ער זאָל גוזר זיין אויף זיין זון בגזרת אָב, יענער זאָל פאַרלאָזן דעם גוף פון דער בתולה לאה בת חנה, כדי עס זאָל נישט פאַרדאַרט ווערן אַ צווייג פון פּרוכטבאַרן בוים פון פאָלק ישראל. און דערפאַר וועט דער אַלמעכטיקער אַרויסווייזן זיין גרויס גענאָד צו ניסן בן רבקה און צו זיין פאַרוואָגלטן זון.

**אַלע:** אָמן!

פּויזע.

**ר׳ עזריאל:** מת־טהור ניסן בן רבקה, האָסט געהערט אונדזער פּסק־דין? נעמסט אים אָן? (אַ שרעקנדיקע פּויזע) סענדער בן העניע! האָסטו געהערט אונדזער פּסק־דין? נעמסטו אים אָן?

**סענדער:** יאָ, איך נעם אים אָן.

**ר׳ עזריאל:** מת־טהור ניסן בן רבקה, די דין־תורה צווישן דיר מיט סענדער בן העניע האָט זיך געענדיקט. איצט מוזסטו זיך אומקערן אין דיין

רו אַריין, און מיר זיינען גוזר, אַז אין וועג זאָלסטו נישט שעדיקן, נישט קיין מענטשן און נישט קיין שום לעבעדיקע באַשעפעניש. (פויזע) מיכאל! הייס אַראָפּנעמען די מחיצה און געבן וואַסער. (מיכאל רופט־אַריין צוויי מענטשן, וואָס נעמען־אַראָפּ דעם פּאָרהאַנג. ר׳ עזריאל, מאַכט מיטן שטעקן אַ קייַלעכדיקן ראַנד אויפן זעלביקן אָרט וואו פריער, נאָר פון רעכטס אויף לינקס. מען טראָגט־אַריין אַ שיסל מיט אַ קענדל, אַלע וואַשן די הענט) סענדער? זיינען די מחותנים געקומען?

**סענדער:** עס האָט זיך נאָך נישט געהערט קיין רעש פון זייער אָנפאָרן.

**ר׳ עזריאל:** שיק זיי אַנטקעגן נאָך אַ רייטער, זיי זאָלן טרייבן די פערד מיט אַלע כוחות. הייס צוגרייטן די חופּה מיט די קלעזמאָרים. הייס אָנטאָן די כלה אין אירע חופּה־קליידער, אַזוי אַז ווי נאָר דער דיבוק וועט אַרויס, זאָל מען זי קאָנען פירן צו דער חופּה. וואָס עס וועט זיין געטאָן — וועט זיין אָפּגעטאָן!

סענדער גייט־אַרויס. ר׳ עזריאל נעמט־אַראָפּ און לייגט־צונויף טלית און תפילין.

**ר׳ שמשון:** (שטיל צו די דיינים) איר האָט פאַרשטאַנען, אַז דער מת האָט נישט מוחל געווען סענדערן?

**1טער און 2טער דיינים:** (שטיל, דערשראָקן) מיר האָבן פאַרשטאַנען.

**ר׳ שמשון:** איר האָט פאַרשטאַנען, אַז דער מת האָט נישט אָנגענומען דעם פּסק־דין?

**1טער און 2טער דיינים:** מיר האָבן פאַרשטאַנען.

**ר׳ שמשון:** איר האָט געפילט, אַז אויף ר׳ עזריאלקעס ווערטער האָט ער נישט געענטפערט „אָמן״?

**1טער און 2טער דיינים:** מיר האָבן געפילט.

**ר׳ שמשון:** דאָס איז זייער אַ שלעכטער סימן!

**1טער און 2טער דיינים:** דאָס איז זייער אַ שלעכטער סימן!

**ר׳ שמשון:** זעט, ווי ר׳ עזריאל איז צערודערט. ביי אים ציטערן די הענט. (פויזע) מיר האָבן אונדזערס אָפּגעטאָן, קאָנען מיר גיין...

די דיינים גייען שטיל אומבאַמערקט אַרויס. ר׳ שמשון קלייבט זיך אויך אַרויסצוגיין.

**ר׳ עזריאל:** רבי! בלייבט דאָ ביז דער דיבוק וועט אַרויס, וועט איר מסדר קידושין זיין. (ר׳ שמשון גיט אַ זיפץ און מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ זעצט זיך אַוועק אין אַ זייט. אַ דריקנדיקע פויזע) רבונו־של־עולם! פאַרבאָרגן און וואונדערלעך זיינען דיינע וועגן. אָבער דער וועג, מיט וועלכן איך גיי,





איז דאָך באַלויכטן מיט דעם שיין פון פלאַם פון דיין הייליקן ווילן, און איך וועל פון אים נישט אָפּטרעטן, נישט רעכטס, נישט לינקס... (הייבט־אויף דעם קאָפּ) מיכאל, האָסטו אַלץ צוגעגרייט?

**מיכאל:** יאָ, רבי.

**ר׳ עזריאל:** הייס אַריינפירן די בתולה. (אין ווייסן חופּה־קלייד, מיט אַ שוואַרצן מאַנטל אויף די פּלייצעס, ווערט לאה אַריינגעפירט פון סענדערן און פראַדען. זיי זעצן זי אַוועק אויף דער סאָפע. ר׳ שמשון זעצט זיך נעבן ר׳ עזריאלן) דיבוק! אינעם נאָמען פון דעם מרא־דאתרא, וואָס זיצט דאָ, אינעם נאָמען פון אַ הייליקער עדה יידן, אינעם נאָמען פונעם גרויסן סנהדרין פון ירושלים, בין איך, עזריאל בן הדס, דאָס לעצטע מאָל גוזר אויף דיר, זאָלסט פאַרלאָזן דעם גוף פון דער בתולה לאה בת חנה!

**לאה (דיבוק):** (אַנטשיידן) איך וועל נישט אַרויסגיין!

**ר׳ עזריאל:** מיכאל, רוף־אַריין מענטשן און ברענג קיטלען און שופרות און שוואַרצע ליכט. (מיכאל גייט־אַרויס און קערט זיך מיט פופצן מענטשן, צווישן זיי — דער משולח. זיי טראָגן־אַריין קיטלען, שופרות און ליכט) נעמט־אַרויס די ספרים! (מיכאל נעמט־אַרויס זיבן ספרי־תורה, צעטיילט צווישן זיבן מענטש. גיט־פונאַנדער זיבן שופרות) האַרטנעקיקער רוח! אַזוי ווי דו ביסט זיך נישט מכניע אונדזער באַפעל — גיב איך דיך איבער אין רשות פון די העכערע רוחות, זיי זאָלן דיך אַרויסציען איבער געוואַלט. בלאָזט „תקיעה״.

מען בלאָזט תקיעה.

**לאה (דיבוק):** (גיט זיך אַ ריס פון אָרט, וואַרפט זיך שרייט) לאָזט מיך! ציט מיך נישט! איך וויל נישט! איך קאָן נישט אַרויסגיין!

**ר׳ עזריאל:** אַזוי ווי די העכערע רוחות קאָנען דיך נישט גובר זיין, גיב איך דיך איבער אין רשות פון די מיטעלע רוחות, די נישט־גוטע, נישט־שלעכטע, זיי זאָלן דיך מיט זייער אַכזריות אַרויסציען. בלאָזט „שברים״!

**לאה (דיבוק):** (מיט אָפּגעשלאָפטע כוחות) ווי איז מיר! אַלע כוחות פון דער וועלט זיינען אויפגעשטאַנען אַנטקעגן מיר. מיך ציען די שרעקלעכסטע רוחות, וואָס ווייסן נישט קיין רחמנות; אַנטקעגן מיר שטייען גדולים און צדיקים, און צווישן זיי מיין פאַטערס נשמה, און זיינען גוזר אויף מיר, איך זאָל אַרויסגיין. און כל־זמן עס וועט אין מיר בלייבן כאָטש איין פונק כוח, וועל איך זיך ראַנגלען און נישט אַרויסגיין.

**ר׳ עזריאל:** (פאַר זיך) נישט אַנדערש אַז עמעצער, אַ מעכטיקער, העלפט אים; (פויזע) מיכאל! זאָל מען אַריינשטעלן די ספרים אין אָרון־קודש. (מען שטעלט־אַריין) פאַרהענג דעם אָרון־קודש מיט אַ שוואַרצן פּרוכת.

(מיכאל פאַרהענגט) צינד־אָן די שוואַרצע ליכט. (מען צינדט־אָן) זאָלן אַלע אָנטאָן ווייסע קיטלען. (אַלע און אויך ר' עזריאל און ר' שמשון טוען־אָן ווייסע קיטלען. ר' עזריאל שטעלט זיך, הייבט־אויף די האַנט, הויך און שרעקנדיק) שטיי־אויף, גאָט! און זאָלן זיך צעשפּרייטן און אַנטלויפן דיינע פיינד פון פאַר דיר. ווי עס צעשפּרייט זיך רויך, זאָלן זיי זיך צעשפּרייטן... זינדיקער און ווידערשפּעניקער רוח! מיט דעם כּוח פון אַלמעכטיקן גאָט און מיטן רשות פון דער הייליקער תּורה צערייס איך, עזריאל בן הדס, אַלע פעדעם וואָס פאַרקניפּן דיך מיט דער לעבעדיקער וועלט און מיט דעם גוף און נשמה פון דער בתולה לאה בת חנה...

**לאה** (דיבוק): (שרייט־אויס) ווי איז מיר!

**ר' עזריאל:** און איך בין דיך מחרים פון כּלל ישראל!!! תּרועה!!!

**דער משולח:** דער לעצטער פונק האָט זיך צונויפגעגאָסן מיטן פלאַם.

**לאה** (דיבוק): (אָן כּוחות) איך קאָן מער נישט ראַנגלען...

מען הייבט־אָן בלאָזן תּרועה.

**ר' עזריאל:** (שטעלט געשווינד אָפּ די שופרות. צו לאהן) גיסטו זיך אונטער?

**לאה** (דיבוק): (מיט אַ טויטן קול)-איך גיב־איך אונטער...

**ר' עזריאל:** זאָגסטו־צו מיטן גוטן ווילן צו פאַרלאָזן דעם גוף פון דער בתולה לאה בת חנה און מער זיך אין אים נישט אומקערן?

**לאה** (דיבוק): (ווי פריער) איך זאָג־צו.

**ר' עזריאל:** מיט דעם זעלביקן כּוח און רשות, מיט וועלכן איך האָב דיך מחרים געווען, נעם איך אַראָפּ פון דיר דעם חרם. (צו מיכאלן) לעש־אויס די ליכט און נעם־אַראָפּ דעם שוואַרצן פּרוכת. (מיכאל טוט עס) באַהאַלט די שופרות. (מיכאל קלייבט זיי צונויף) און זאָלן די אַריינגעקומענע מענטשן אַראָפּנעמען די קיטלען און אַרויסגיין. (די פרעמדע מענטשן טוען־אויס די קיטלען און גייען־אַרויס צוזאַמען מיט דעם משולח און מיכאלן. ר' עזריאל הייבט־אויף די הענט אין דער הייך) רבונו־של־עולם! גאָט פון רחמים און לייטזעליקייט! קוק־אָן דעם גרויסן צער פון דער פאַרוואָגלטער און געפּלאָגטער נשמה, וואָס איז איבער פרעמדע זינד און טעותן געשטרויכלט געוואָרן. קער־אָפּ דיין בליק פון אירע חטאים און זאָלן ווי אַ דעמפונג אַרויפגיין צו דיר אירע פריערדיקע גוטע מעשׂים, איר גרויסער צער און דער זכות פון אירע אָבות. רבונו־של־עולם, רוים־אָפּ פון איר וועג אַלע מלאכי חבלה און גרייט איר צו אַן אייביקע רו אין דיינע פּאַלאַצן. אָמן!

**אַלע:** אָמן!





**לאה** (דיבוק): (גיט אַ שטאַרקן ציטער) זאָגט נאָך מיר קדיש. די באַשטימטע צייט גייט־אויס!

**ר' עזריאל:** סענדער! זאָג דעם ערשטן קדיש.

**סענדער:** יתגדל ויתקדש שמיה רבא. בעלמא די ברא כרעותיה...

דער זייגער שלאָגט צוועלף.

**לאה** (דיבוק): (שפּרינגט־אויף פון אָרט) אַ־אַיַ!!!

פאַלט אויף דער טאַפּע ווי אין אָנמאַכט.

**ר' עזריאל:** פירט די כּלה צו דער חופּה!

עס לויפט־אַריין מיכאל.

**מיכאל:** (זייער צעטרודערט) נאָר וואָס אומגעקערט זיך דער לעצטער רייטער. ער זאָגט, ביי די מחותּנים האָט זיך צעבראָכן אַ ראָד און זיי גייען צו־פוס. נאָר זיי זיינען שוין נאָענט, אויפן בערגל, מען זעט זיי פון דאַנען!

**ר' עזריאל:** (שטאַרק איבערגעראַשט) וואָס עס האָט געזאָלט זיין, זאָל זיין! (צו סענדערן) זאָל די אַלטע בלייבן דאָ מיט דער כּלה און מיר אַלע וועלן גיין מקבל־פּנים זיין דעם חתן.

מאַכט אַרום לאהן מיטן שטעקן אַ ראָנד פון לינקס אויף רעכטס. נעמט־אַראָפּ דעם קיטל, הענגט אים אויף נעבן טיר און גייט־אַרויס מיטן שטעקן אין האַנט, נאָך אים סענדער און מיכאל.

לאַנגע פּויזע.

**לאה:** (וואַכט־אויף. מיט זייער אַ שוואַכן קול) ווער איז דאָ מיט מיר?.. דאָס זיסט איר, באַבינקע? באַבעניו? מיר איז שווער. העלפט מיר... פאַרוויגט מיך...

**פראַדע:** (גלעט זי) זאָל דיר ניט זיין שווער, טאָטכערל. שווער זאָל זיין דעם טאַטער, דעם שוואַרצן קאַטער, און דיר אויפן הערצעלע זאָל זיין גרינג ווי אַ פּוכעלע, ווי אַ הויכעלע, ווי אַ ווייס שנייעלע. הייליקע מלאכימלעך זאָלן דיך אַרומכאַפּן מיט זייערע פליגעלעך.

עס הערט זיך אַ כּלי־זמר־שפּיל, ווי מע פירט צו דער חופּה.

**לאה:** (פאַרציטערט, כאַפּט פראַדען פאַר אַ האַנט) איר הערט? דאָס גייט מען טאַנצן אַרום הייליקן קבר, משמח זיין די טויטע חתן־כּלה!

**פראַדע:** ציטער נישט, טאָכטערל, האָב קיין מורא נישט. אַרום דיר שטייט אַ גרויסע וואַך. אַ מעכטיקע וואַך, זעכציק גיבורים מיט בלויזע שווערדן באַשיצן דיך פון אַ בייזער באַגעגעניש. די הייליקע אָבות און די הייליקע אמהות באַשיצן דיך פון אַ בייז אויג.

גייט ביסלעכווייז אַריבער אין אַ סקאַנדירנדיקן געזאַנג:

באַלד וועט מען דיך פֿירן צו דער חופּה,
אין אַ גוטער שעה, אין אַ מזלדיקער שעה...
דײַן מאַמע, די צדקנית, גייט זיך פֿון גן־עדן אַרויס,
פֿון גן־עדן אַרויס,
אין גאָלד און אין זילבער אויסגעצירט.
גייען איר צוויי מלאַכימלעך אַנטקעגן אויס,
אַנטקעגן אויס.
נעמען זיי זי פֿאַר די הענט,
איינער רעכטס און איינער לינקס:
„חנהלע, דו, מײַן חנהלע, דו פֿײַן,
וואָס האָסטו זיך אויסגעצירט אין גאָלד און זילבער און שײַן?"
ענטפֿערט זיי חנהלע אַזוי און אַזוי:
„ווי זאָל איך זיך נישט אויסצירן? דער יום־טוב איז מיר גרויס!
מײַן איינציקע טאָכטער, מײַן ליכטיקע קרוין,
טוט צו דער חופּה מיט מזל גיין".
— „חנהלע, דו מײַן, חנהלע, דו פֿײַן!
פֿאַרוואָס איז אויף דײַן פּנים לייד און פּײַן?"
ענטפֿערט זיי חנהלע אַזוי און אַזוי:
„ווי זאָל איך נישט טרויערן? דער יום־טוב איז מיר ווײ!
מײַן טאָכטער צו דער חופּה פֿירן פֿרעמדע לײַט,
און איך מוז זיך שטיין אין טרויער אין אַ זײַט..."
פֿירט מען די כּלה צו דער חופּה באַלד,
גייען איר אַנטקעגן יונג און אַלט.
קומט אליהו הנביא און נעמט דעם גרויסן בעכער אין האַנט...
מאַכט ער אַ ברכה אויפֿן גאַנצן לאַנד...
אָמן ואָמן...

ווערט אַנטשלאָפֿן. לאַנגע פּויזע.

**לאה:** (מיט געשלאָסענע אויגן, לאָזט־אַרויס אַ שווערן זיפֿץ. עפֿנט די אויגן) ווער זיפֿצט דאָ אַזוי שווער?

**חנן קול:** איך.

**לאה:** איך הער דײַן קול, נאָר איך זע דיך נישט.

**חנן קול:** דו ביסט אָפּגעצוימט פֿון מיר מיט אַ פֿאַרשוואוירענעם ראַנד...

**לאה:** דײַן קול איז מיר זיס ווי דאָס געוויין פֿון אַ פֿידל אין אַ שטילער נאַכט... זאָג מיר ווער ביסטו?





**חנן קול:** איך האָב פֿאַרגעסן... נאָר דורך דײַנע געדאַנקען קאָן איך געדענקען זיך...

**לאה:** איך דערמאָן זיך... מײַן האַרץ האָט זיך געצויגן צו אַ ליכטיקן שטערן... איך האָב אין שטילע נעכט פֿאַרגאָסן זיסע טרערן און האָב אין חלום געזען שטענדיק אַ געשטאַלט... ביסטו דאָס געווען?

**חנן קול:** איך...

**לאה:** איך דערמאָן זיך... בײַ דיר זײַנען געווען ווייכע, ווי פֿאַרוויינטע האָר און טרויעריקע, מילדע אויגן... בײַ דיר זײַנען געווען לאַנגע און דינע פֿינגער... טאָג און נאַכט האָב איך געטראַכט נאָר וועגן דיר... (פּויזע. טרויעריק) נאָר דו ביסט אַוועק פֿון מיר, און מײַן ליכט האָט זיך אויסגעלאָשן און מײַן נשמה איז פֿאַרוועלקט געוואָרן. און ווי אַ וויסטע אַלמנה בין איך געווען, אַז צו מיר האָט זיך אַ פֿרעמדער מאַן דערנענט... נאָך דעם האָסטו זיך אומגעקערט און אין מײַן האַרצן האָט אויפֿגעבליט אַ לעבן פֿון טויט און אַ פֿרייד פֿון טרויער. פֿאַרוואָס האָסטו מיך ווידער פֿאַרלאָזן?

**חנן קול:** איך האָב צעבראָכן אַלע צוימען. איך האָב איבערגעשטיגן איבערן טויט. האָב פֿאַרשטערט אַלע געזעצן פֿון צײַטן און דורות. איך האָב זיך געראַנגלט מיט שטאַרקע, מיט מעכטיקע, מיט אומבאַרעמהערציקע. און אַז בײַ מיר האָט זיך אויסגעשעפּט דער לעצטער פֿונק כּוח, האָב איך פֿאַרלאָזן דעם גוף, כּדי אומקערן זיך צו דײַן נשמה.

**לאה:** (צאַרט) קער זיך אום צו מיר, מײַן חתן, מײַן מאַן... איך וועל דיך אַ טויטן טראָגן אין מײַן האַרצן און אין די חלומות וועלן מיר צוזאַמען וויגן אונדזערע נישט־געבוירענע קינדערלעך. (וויינט) מיר וועלן זיי נייען העמדעלעך. מיר וועלן זיי זינגען לידעלעך.

זינגט וויינענדיק:

באַיו באַיו, קינדערלעך,
אָן אַ וויג, אָן ווינדעלעך,
טויטע, נישט־געבוירענע,
אָן אַ צײַט פֿאַרלוירענע...

פֿון דרויסן הערט זיך אַ חופּה־מאַרש, וואָס דערנענטערט זיך.

**לאה:** (פֿאַרציטערט) מע גייט מיך פֿירן צו דער חופּה מיט אַ פֿרעמדן! קום צו מיר, מײַן חתן!

**חנן קול:** דײַן גוף האָב איך פֿאַרלאָזן און קום צו דײַן נשמה.

ער באַווײַזט זיך אין וואַנט, אין ווײַסן.

**לאה:** (מיט פֿרייד) דער ראַנד־צוים צעבראָכן! איך זע דיך, חתן מײַן! קום צו מיר!

**חנן:** (ווי אַן עכאָ) קום צו מיר!

**לאה:** (שרייט־אויס מיט פרייד) איך גיי צו דיר.

**חנן:** (ווי אַן עכאָ) איך גיי צו דיר.

**קולות:** (הינטער דער סצענע) פירט די כלה צו דער חופה!

אַ חופה־מאַרש. לאה פאַרלאָזט אויף דער סאָפע דעם שוואַרצן מאַנטל און אין גאַנצן אין ווייסן גייט זי אונטערן חופה־מאַרש צו חננען, שטעלט זיך אויף זיין אָרט און ווי זי גיסט זיך צונויף מיט אים. עס גייט־אַריין ר׳ עזריאל מיטן שטעקן אין דער האַנט, נאָך אים דער משולח. שטעלן זיך אָפּ ביי דער טיר. אין טיר: סענדער, פראַדע, די איבעריקע.

**לאה:** (מיט אַ קול ווי פון דער ווייטנס) אַ גרויס ליכט צעגיסט זיך רונד־אַרום... איך בין באַהעפט מיט דיר אויף אייביק, מיין באַשערטער... צוזאַמען שוועבן מיר אַלץ העכער, העכער, העכער...

**ר׳ עזריאל:** (אַראָפּלאָזנדיק דעם קאָפּ) פאַרשפּעטיקט...

**דער משולח:** ברוך דיין האמת.

עס ווערט שטאָק־פינצטער. פון דער ווייטנס הערט זיך שטיל־שטיל:

מחמת וואָס, מחמת וואָס
איז די נשמה
פון העכסטער הייך
אַראָפּ אין טיפסטן גרונט?
— דאָס פאַלן טראָגט
דאָס אויפקומען אין זיך...

פאָרהאַנג